אַפּייערלעכער אָוונט־אָנדענקונג נאָך דעם גרויסן שרייבער און דראַמאַטורג

## פּרץ הירשביין

קומט פאָר אין „בן־אורי“ 14 פּאָרטמען סטריט, וו.1, זונטיק 31 אָקט. 8 אָוונט

---

אונזער טיפן מיטלייד צום טויט פון יידיש־העברעאישן שרייבער אין „ישראל“

## אשר ביילין (דער אייגענער)

לשון און לעבן

---

צום טויט פון אונדזער פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם ברודער

## חיים יוסף בר׳ שמואל משה ביעטש

פון ראַוואַ־מאַזאָוועצקאַ, שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ און צובראָכענע הערצער, און מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקן מיטגעפיל צו זיין צוריק־געבליבענער פרוי און קינדער. מיר ווינטשן זיי אריכת ימים און אַז זיי זאָלן פון קיין שום צער נישט מער וויסן

אהרן ביעטש און פאַמיליע, לאָנדאָן
דוד ביעטש און פאַמיליע, לאָנדאָן און
יחיאל פשיביש און פאַמיליע, פראַנקרייך

---

„די צייט“ געגרינדעט פון מאָרים מייער

**די איינציקע יידישע טעגלעכע צייטונג אין ענגלאַנד**

---

ידיעה. — דער נייער פאָרזיצער פונם לידזער קולטור־צענטר איז טשאַרלי הורעוויץ. פריינט וואָלף ריווקין איז פאַרבליבן אַלס סעקרעטאַר.

---

## א האַרציקן מזל טוב

ווינטשן דעם סעקרעטאַר פון לידזער יידישן קולטור־צענטר

## חבר וואָלף ריווקין

צו דער חתונה פון זיין יינגסטער טאָכטער

## חנה מיט שלמה גאָלדבערג

„פריינט פון יידיש לשון“, לאָנדאָן
רעדאַקציע פון „לשון און לעבן“

---

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.11 **העפט 106** נאָוועמבער 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

אַרום יידישן קולטור קאָנגרעס, (רעזאָלוציעס, אונזער באַגריסונג, פון לאָנדאָנער דעלעגאַט ד״ר מייטליס, פאַרוואָס דער דעלעגאַט פון ל.א.ל. איז נישט געפאָרן צום קאָנגרעס) ........ ** 1
דער בוים, טאָג פאַר דיינעטוועגן (לידער) ........ ל. קוויטקאָ 5
האָטעל־איינוואוינער (דערציילונג) ........ משה דלושנאָווסקי 6
אַ האַרבסטיק פרימאָרגן (ליד) ........ ש. זאַלקין 11
קעשענעווער געטאָ 1941 (פראַגמענט) ........ ראַליוקאַ בירמאַן 12
די שכינה (פּאָעמע) ........ א. ר. סען 16
רעזיגנאַציע (פון אלדד און מידד) ........ לעאָ קעניג 18
יונה הנביא (ביבלישע פּאָעמע) ........ א. נ. שטענצל 21
משיח׳ס נסיעות און נסיונות (המשך) ........ משה עובד 28
רעפלעקסן (ליד) ........ ס. פאַלמע 34
אלץ צוליב אַ ירושה (פעלעטאָן) ........ קייטי בראון 35
דאָס אַרויסציען זין׳ פון געטאָ ........ קאַראָל פענדאָווסקי 38
בערלין—מאָסקווע—ירושלים (המשך) ........ אליהו פאַלושאַק 43
גיכער אַ ווידוי פון אַ מענטש איידער אַ התנצלות פון אַ מחבר (המשך) ש. 48
רבי אמנון (פּאָעמע המשך) ........ יוסף הלל לעווי 54
סאָוויעטישע לידער (וועגן איציק פעפערס בוך „אויפסניי“) .. ש. האַלקין 56
די ערעפנונגס רעדע פון טשעכישן אַמבאַסאַדאָר (צו דער אויסשטעלונג פון בעדריק פריטאַ ........ 59
אַ צייכנונג פון פריטאַ ........ 61
דער ווינטער טעאַטער סעזאָן אין די יידישע טעאַטערס (פון בן ציון וויטלער׳ס קאַמף פאַר יידיש אין ווייטשעפל, די סוברעטין דינה גאָלדבערג) ........ ** 62
דער זלמן שניאור באַנקעט ........ ** 64
מיטטיילונגען איבער די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 64

## פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אַבאָנענטס־פּרייז:—19/6 פאַר א יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר א יאָר
1/9 פאַר א פּראָבע נומער

**אַדרעס פון רעדאַקציע**

„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.

## צו אונדזערע אבאנענטן לייענער און פריינט פון
## „לשון און לעבן“
## און צו אלע ליבהאבער פון יידישן וואָרט

ווי אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, אַלס זשורנאַל פון 64 זייטן טרעטן מיר יאַנואַר אַריין אינם צענטן יאָר־גאַנג.

פון אָנהויב אָן פונם אַרויסגעבן פונם ערשטן העפטל ביז צום לעצטן נומער פונם איצטיקן זשורנאַל קומט עס אונדז אָן מיט קריעת ים סוף. אין די לעצטע יאָרן זיינען מיר אַריין אין חובות ביים דרוקער. מיר האָבן אונדזערע פריינט און חברים נישט אַלאַמירט. דער זשורנאַל איז יעדן חודש טראָץ אַלע שוועריי־קייטן פּינקטלעך דערשינען.

כדי ווייטער צו קענען אָנהאַלטן דעם געהעריקן סטאַנדאַרד בעטן מיר אונדזערע אַבאָנענטן אָן אויפפּאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס׳איז בכח פאַר אַ יאָר אין פאָראויס.

מיר בעטן די אַבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן“ צו פילן אַ חוב צו שאַפן פרישע לייענער און אַבאָנענטן פאַר אונזער פּעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן די אויפלאַגע און אַזוי אַרום אויך פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אנדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אַנאָנסן. אויך דאָס קען זיין אַ בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

די וויכטיקייט פון אונזער זשורנאַל פאַר דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד, האָט באַוויזן זיין עקזיסטענץ 10 יאָר אין די שווערסטע באַדינגונגען.

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אַבאָנענטן, אַז אונזער זשורנאַל זאָל ווערן נאָך בעסער, רייכער אין אינהאַלט. מיר טון אַלנפאַלס איבער די כוחות!

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“. העלפן פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ׳שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאָנבריוו, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

וואַרט נישט ביז מען וועט אייך צושיקן אַ מאָנבריוו. שיקט איין דעם אַבאָנענטן אָפּצאָל צו אונדזער ערן־סעקרעטאַר:

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעם און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

**מיר גרייטן צו א גרויסע אונטערנעמונג כדי צו קענען דעקן אודזערע חובות און דעם דעפיציט**
**זייט גרייט צוהעלפן אונז—מער פרטים אין קומנדיקן נומער**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.11. העפט 106 נאָוועמבער 1948 לאָנדאָן

## רעזאָלוציע וועגן דער יידישער ליטעראַטור אנגענומען אויפן אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס

דעם 16־טן—20־טן סעפּטעמבער, 1948, ניו יאָרק.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, שטרעבנדיק צו באַ־פעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור, אויפהויבן איר חשיבות, איר קינסטלערישן ניוואָ, איר שעפערישע פרייהייט און איר השפעה אויף די לייענער אין אַלע יידישע ישובים, האַלט פאַר נויטיק:

1. צו שאַפן אַ פאַרבינדונג־צענטער פון און פאַר אלע יידישע שרייבער איבער גאָר דער וועלט. דער פאַרבינדונג־צענטער דאַרף זיין דער אַדרעס פאַר אלע שעפערישע כחות, פאַר דערמוטיקונג, פאַר צוזאַ־מענאַרבייט, פאַר קעגנזייטיקער אחריות און פאַר קאָנטאַקט מיט אלע יידישע צענטערס פון דער וועלט, וואו עס איז נאָר דאָ אַ יידיש קולטור־לעבן.
2. אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישן יאָרבוך, וואָס זאָל יעדעס יאָר אונטער־פירן אַ סך הכל פון די ליטעראַרישע דערגרייכונגען פון אַלע שריי־בער, וואו זיי געפינען זיך נאָר, אויב זייער ביטראַג קען באמת זיין ווערטפול פאַר דער יידישער ליטעראַטור. עס ווערט רעקאָמענדירט צו לייגן מער אויפמערקזאַמקייט אויף די יונגע שרייבער און סטימו־לירן זיי צו אנטוויקלען זייערע כחות. עס ווערט רעקאָמענדירט, אַז די רעדאַקציע פון בוך זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן דורך פראָמי־נענטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור פון די אַמעריקעס און פון אויסלאַנד.
3. אָרגאַניזירן פּעריאָדיש שרייבער־צוזאַמענפאָרן צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור.
4. שאַפן סטיפּענדיעס פאַר יידישע שרייבער, קאָנקורסן און פּרעמיעס.
5. רעקאָמענדירן די עקזיסטירנדיקע פאַרלאַגן און די, וואָס ווילן זיך שאַפן מיט דער הילף פון קולטור־קאָנגרעס אַרויסצוגעבן ווערק פון יידישע שרייבער און מיטהעלפן אין זייער פאַרשפּרייטונג.
6. אָנהאַלטן דורכן פאַרבינדונג־צענטער אַ קאָנטאַקט מיט די העברע־אישע שרייבער אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט, כדי צו דערנענטערן אַזוי אַרום און פאַרבינדן די שעפער פון אונזער לי־

משה דלוזשנאָווסקי (ניו יאָרק)

# האָטעל־איינוואוינער

(דערציילונג)

דער בלאָק פון מיין גאַס, וואו איך וואוין, איז אַ שטילער. דאָ זענען ניט פאַראַן קיין קראָמען, קיין געשעפטן. בייטאָג זענען די ברוינלעך־רויטע ציגעלנע הייזער געהילט אין קילבלעכן שאָטן און די איינוואוינער פון די צימערן און צימערלעך זענען צעוואָרפן איבער דער שטאָט און העלפן שמידן און טורעמען דעם בבל־טעמפּאָ פון ניו יאָרק. ביינאַכט ווערט די שטילקייט פון דער גאַס טיילמאָל אויפגעריסן פון אַ געשריי, אַ געזאַנג פון אַ שכור, וואָסאָ קלאָגט אויס זיין בענקשאַפט און אומעט אין די ריטמישע פראַזן פון אַ גאַסן־ליד, אָדער אַ פרויען געלעכטער הילכט אויף אין דער שטילקייט, אָדער גאָר אַ פייפנדיקע מעלאָדיע, וואָס איינער אַ מאַן איז זיך אַליין מכבד פאַר היימלעכקייט וועגן. די דאָזיקע גאַסן־קלאַנגען דערגרייכן שנעל צו די אויערן פון די שלאָפנדיקע איינוואוינער, ווייל די הייזער זענען נידעריקע, אַלטע און אָפּגענוצטע...

דער גאַס־בלאָק ליגט צווישן בראָדוויי און דעם האָדסאָן־טייך אויף דער וועסט־זייט פון ניו יאָרק. פון בראָדוויי — רייסט זיך אַריין דער אָפּפאַל און עכאָ׳ס פון גערויש און טומעל. פון האָדסאָן־טייך דערטראָגן זיך ווינטיקע מורמלען און טיפע ברומען פון וואַקלדיקע שיפן.

אין מיטן בלאָק שטייט אַ גרויסער האָטעל, אַן אויסגעפּוצטער, אַ ציכטיגער מיט ברייטע פענסטער און טירן פון וועלכע עס טראָגן זיך אין גאַס אַריין אָפּגעריסענע געלעכטערן, רייד, אַמאָל אַ פאַרשטיקטער קרעכץ און סנאָפּעס ליכט. דאָ וואוינען מענטשן יאָרן לאַנג, די פיר־עקיגע צימערלעך דינען זיי פאַר אַ נעסט און אַ היים. דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער זיינען עלטערע, גוט־געקליידעטע, מיט דיסטינקציע און פיינער האַלטונג. דאָ וואוינען אויך מענטשן געקומענע פון ווייטע לענדער, פאַרטריבן און פאַרוואָרפן געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן פון זייערע היימען און דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי געפונען שוץ און ניט שלעכט זיך איינגעאָרדנט.

יעדן טאָג קומט מיר עטלעכע מאָל אויס אַדורכצוגיין דעם האָטעל שוין אַ פאַר יאָר אַזוי. אין שיינע טעג זיצט דאָ אַ פרוי אין אַן אינוואַלידן שטול מיט אַ מעכאַניזם פון רעדער און רעדלעך. זי איז איינע פון די האָטעל איינוואוינערינס און ווייזט אויס, אַז די פיס אירע ליידן פון אַ פאַראַליז־קראַנקייט, ווייל איר אויבערשטער טייל קערפּער זיצט שטאָלץ און געזונט. אַרום עלף אַזייגער פירט זי ווער אַרויס דורך די ברייטע האָטעל־טירן אינם זוניקן דרויסן און דאָ בלייבט זי שוין זיצן עטלעכע שעה, כדי צו געניסן פון דער זון־גוטסקייט און לופט. די פרוי איז זייער גוט געקליידט, אירע העל־ברוינלעכע האָר פון קאָפּ מיט אַ זיידיקער גלאַטקייט זענען זאָרגפעלטיק פריזירט און פאַרקעמט. איר פנים איז בלייך, שיין, אויסגערוט און דערציילט פון אַ פרויען



עלטער אין די אָנהויב פערציקער. די גרוילעכע בלויע אויגן אירע זענען ליכטיקע און אַ שאָטנדיקער שמייכל רוט איבער זיי. איר פנים דערציילט ניט פון קיין ספּעציפישן ראַסן־אָפּשטאַם, עס איז אַ פנים פון אַ פרוי, וואָס מען באַגעגנט אין אַלע גרעסערע שטעט פון דער וועלט, אָבער עס דערציילט פון אַ יונג ברויזנדיק לעבן, וואָס אַ קראַנקייט האָט אַריינגעקוועטשט אין אַ רעדלשטול ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, ווער ווייסט אויב ניט אויף אייביק...

זי זיצט שוין דאָ חדשים, וואָכן און טעג. יעדעס מאָל ווען איך גיי פאַרביי, באַגעגענען מיך די בליקן פון אירע אויגן, טיילמאָל זענען זיי פול מיט טרויער, טיילמאָל צעשמייכלט, ווי אָט, אָט, וואָלט אַ ברעקל גליק איבער זיי אַדורכגעשוועבט. דעם גרעסטן טייל וואָס זי זיצט אין דרויסן איז זי פאַרנומען מיט לייענען ביכער, דיקע ביכער, מן הסתם שפּאַנענדע ראָמאַנען אָדער וויסנשאַפטלעכע ווערק. די בלישטשנדיקע שפּיזלעך אין אירע פינגער לויפן מיט אַ שנעלקייט און איר אויבערשטער טייל קערפּער איז דעמאָלט שטאַרק פאַרטאָן.

איינמאָל ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם האָטעל, האָט די פרוי גראָד אַרויסגעלאָזן איר בוך פון די הענט און עס איז אַראָבגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב זיך געאיילט דאָס בוך אויפצוהייבן און איבערגעבנדיק עס אין אירע הענט, האָב איך שנעל איבערגעלייענט: „מאַדאַם באָוואַרי״ פון גוסטאַוו פלאָבער און דערביי אויך באַמערקט, ווי אירע אויגן זענען געווען מיד און האַלבפאַרשלאָפן. זי האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טון און געזאָגט:

— אַ דאַנק. אַ ביסל איינגעדרעמלט און אַרויסגעלאָזן דאָס בוך. זייער אַן אינטערעסאַנט בוך.

— דער גרעסטער ראָמאַן אין דער וועלט־ליטעראַטור — האָב איך זיך אָנגערופן, כדי אָנצוקניפּן אַ קליינעם שמועס — אַ רעאַליסטישע שילדערונג.

— אַן אמת׳ע שילדערונג און אַ וואונדערבאַרער פּאָרטרעט פון אַ פרוי — האָט זי געזאָגט און איך האָב באַמערקט אַ פאַרביסענעם שמייכל אויף איר פנים —אַ פרוי מיט אַלע אירע שוואַכקייטן, קאַפּריזן און אמת׳דיקן נאַקעטן פנים.

איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם בוך. איבערהויפּט, אַז די דאָזיקע קראַנקע פרוי האָט אַזוי פאַרביסן גערעדט, וועגן דער וועלט באַרימטער העלדין „באָוואַרי״, האָב איך דעריבער לשם קורטואַזיע געפּרוּווט נאָך אַביסל אָנהאַלטן דעם אויפן „שפּרונג״־שמועס:

— אַ גאַנץ איינפאַכע פרוי מיט אַוואַנטוריסטיש לייכטע נייגונגען.

— וואָס פאַר אַ פרוי! — האָט זי גערעדט מיט אַן אייפעריקע שטימע — וואונדערבאַר אַרויסגעבראַכט איר געשטאַלט. מען שרייבט שוין היינט ניט מער אַזעלכע ראָמאַנען. צופיל דעטיילן. אַ שאָד.

— אַן אייביקע טעמע, אייביק ווי די וועלט — האָב איך אונטערגעהאַלטן.

— איר וואוינט דאָ אין דער גאַס? — איז זי איבערגעגאַנגען פון איר

„קריטיק" צו אַ פשוטע פראַגע — איך זע אײַך אָפּט פאַרבײַגײן.

— יאָ. איך בין אײַערס אַ שכן אָט־אָ דאָ מיט צוויי הײַזער ווײַטער וואוין איך — האָב איך אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער גאַס אַרײַן — איך זע אײַך אויך זייער אָפּט.

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דער מינוט איז צו איר צוגעלאָפֿן אַ קליין מיידעלע אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ און מיט קלינגענדיק קולכל אַ געשריי געטון:

— מאַמע! — און זי גענומען קושן.

די פרוי האָט אײַנגעקלאַמערט דאָס מיידעלע אין אירע אָרעמס, אַ קינד פון אַ יאָר זעקס אָדער זיבן און ווענדנדיק זיך צו מיר האָט זי אַ גליקלעכע געזאָגט:

— מײַן טאָכטערל, זי הייסט מינאַ. — און ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט האָט זי צוגעגעבן: — מײַן נאָמען איז קלאַראַ, קלאַראַ קרעל.

* * *

אין די זונטאָגן אָדער סתם פרײַע טעג פלעגט מען זען אין גאַס, ווי אַ מאַן האָט פּאַמעלעך געשטופּט דעם שטול מיט דער קראַנקער פרוי. דער מאַן איז אַ הויכער מיט אַ לענגלעך פּנים מיט אַ סך טיפע קנייטשן אַרום די אויגן, אַרום מויל, און טראָץ די קנייטשן זעט ער אויס זייער יונג. ער גייט עלעגאַנט אָנגעטון און פירט די שטול מיט דער פרוי אַ געוויסע צײַט הין און צוריק איבערן בלאָק און שטעלט זיך נאָכדעם אָפּ בײַם האָטעל, האַרט נעבן אײַנגאַנג. זי פאַרטיפט זיך ווײַטער אין אַ בוך, אויף דעם אָרט וואו זי האָט זיך ערשט אָפּגעשטעלט, ווען אָט האָט ערשט אַ שטיקעלע פאַרגעניגן פון אַ שפּאַציר איבערגעריסן די בלעטלעך פון שפּאַנונג פון דער אויסגעטראַכטער, אויסקאָמבינירטער בוך־מעשה, אָדער זי נעמט זיך ווײַטער צו איר האַנטאַרבײַט און ער, דער מאַן לעהנט זיך אָפּ אויפן אויסבויג בײַם פענסטער און בײַדע שווײַגן.

ער, איז געווען איר מאַן. לויט זײַן אויסזען און לויט זײַן עלעגאַנץ, האָט ער געדאַרפט זײַן אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַ מענטש, וואָס האָט מן הסתם אַן אייגענע ביזנעס און אַ שטיקל פּאָזיציע. אָבער לויט זײַנע טיפע פּנים־קנייטשן, לויט זײַן שווײַגן און טעמפּן גליווערנדיקן בליק, האָט מען געקענט אַראָפּלייענען, אַז ער איז זייער ווײַט פון צו זײַן אַביסל גליקלעך...

ווען ער, דער מאַן פלעגט שטיין אין דרויסן אַ פּאָר שריט נעבן דער שטול אויף וועלכער עס איז געזעסן זײַן פרוי און געשוויגן, פלעגט טיילמאָל דאָס מיידעלע צו זיי צושפּרינגען מיט פרייד און געפּילדער, מיט אַ גלעקלדיק געלעכטערל. אָנגעשטעלט אירע אויפגעריסענע אויגעלעך אויף בײַדן, אויף דער מאַמעס בלייכן, שיינעם פּנים און אויפן טאַטנס קנייטשנדיקן געזיכט און געפּלאַפּלט. אַזוי אַרום האָט דאָס קינד דערוועקט צווישן בײַדן אַ שטומע פרייד, אַ וואַרעמען אָנהאַלט, אָבער איבער דעם קינדס פּלאַפּלערײַ און שפּילעווודיקן רייץ, האָט אַרום מאַן און ווײַב געפּלאָטערט אַ טרויער און אומעט. אַ טרויער פון דערוואַקסענע מענטשן, וועמען עס איז זייער שווער אײַנצוואויגן און פאַרשפּילן...



די קרעל׳ס האָבן געוואוינט אין דעם האָטעל שוין עטלעכע יאָר. זיי זײַנען געקומען קיין ניו יאָרק פון אַ פּראָווינץ־שטאָט אין אַמעריקע, נאָכדעם ווי זי קלאַראַ איז קראַנק געוואָרן אַ שטיקל צײַט נאָכן געבוירן פון זייער טעכטערל.

זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט אין האָטעל צוליב אַזויפיל טעמים און קלייניקייטן ווי באַדינונג, מאַנגל אין וואוינונגען און סתם הייטלעכקייט. זי קלאַראַ האָט פאַרמאָגט אַ פאַרמעגן פון אַ ירושה און ער דער מאַן האָט פון דעם געגנאָסן און זיך געפירט ברייטלעך מיט אַ פּאַרנעם פון אַ פאַרמעגלעכן מענטשן, וואָס דאַרף ניט פיל זאָרגן, אַ מענטש, וואָס איז שוין האַלב־וועגס זיכער מיט זײַן פּאָזיציע.

די אויסרעכנונג פון וואוינען אין אַ האָטעל איז געווען זייער אַ גוטע, אָבער דער סך־הכל פון דעם חשבון, האָט זיך אינגאַנצן אַנדערש אויסגעלייגט. ערשטנס וואוינען אין אַ האָטעל אַ סך פרעמדע מענטשן, פרויען און מענער, וואָס כאָטש זיי זענען פרעמד איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי לויערן זיך אָבער מיט בליקן איינער אויפן אַנדערן, כדי אַרײַנצוגליטשן זיך אין אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס זאָל ברענגען עפּעס נוצן. צווייטנס זענען רכילותלעך דאָ זייער אָנגענומען און פאַרשפּרייטן זיך שנעל ווי מיקראָבן. אויך דאָ האָבן זיך אַ פּאָר פרויען אויגן אַרײַנגעגליטשט אינם קוים צוזאַמענגעהאָפטענעם פאַמיליען־לעבן פון די קרעלס. און אויך דאָ אינם האָטעל צווישן אַ סך מענטשן האָבן זיך אַרום זיי צעטראָגן רכילות׳לעך ביז אין דער גאַס אַרײַן.

אויפן זעלבן פלאָר אינם האָטעל וואו עס האָבן געוואוינט די קרעלס האָט געוואוינט גאַנץ אַליין אַ יונגע פרוי. אַ העפלעכע, אַ פרײַנטלעכע, אַ צוגעלאָזענע מיט שמייכל און זיסע רייד. רייד און שמייכלען וואָס מען וואָלט געקענט אויסטײַטשן פאַר געמאַכטע און פאַר אויפריכטיקע. די יונגע פרוי האָט זיך באַקענט מיט דער קראַנקער קלאַראַ׳ן. זי איז אפשר גאָר אויסן געווען זי צו העלפן, בלויז העלפן אַ קראַנקן מענטשן און אַזוי אַרום האָט זי זיך אַרײַנגעגליטשט אַביסעלע אַ קאָפּעטשקע אין דעם אינטימען פאַמיליען־לעבן פון דער קליינער משפחה קרעל...

זי איז אַזוי אַרום געוואָרן זייער באַפרײַנדעט מיט קלאַראַ׳ן און אויך דער מאַן איז געוואָרן רעדעוודיקער, הייטערער אין דער געזעלשאַפט פון בײַדע פרויען — די געזונטע יונגע שכנה און — זײַן פרוי.

דורך דער פרײַנטשאַפט מיט קלאַראַ׳ן האָט די יונגע פרוי געהאַט אַ גלענצנדע געלעגנהייט, זיך נעענטער צו באַקענען מיט קלאַראַ׳ס מאַן. דעם עלעגאַנטן, הויכן וויקטאָר, אָט דער, וואָס פירט זײַן ווײַב שפּאַצירן אין דער ראָד־שטול און שטייט נאָכדעם אָפּ גאַנצענע שעה׳ן און אויב זי קלאַראַ, רעדט שוין עפּעס צו אים קוקט ער מיט אַ גליווערנדיקן בליק און ווייסט ניט ווי אַזוי עפּעס אָנהויבן רעדן אָט צו זײַן קראַנקן ווײַב...

די באַנען און באַסעס עס לויפן
דער מזרח עס עפנט אַן אויג
דער הערבסטיקע פייכטער פרימאָרגן
ער גיט צו דער וועלט זיך אַ נויג.

נאָר קיינער באַגריסט מיט געזאַנגען
די פויגל געוואָרן איז שטום
עס לאכן ניט זוניקע שטראַלן
עס זשומעט קיין בין אויף אַ בלום.

בלויז שפינען און דינינקע נעצן
עס וואַרטן אַ פליג זאָל אַריין
און איך קוק ווי וואָלקנס עס יאָגן
און בייַנק נאָך אַ מאָרגן פון שיין.

## ראַליוקאַ בירמאַן

### קעשענעווער געטאָ 1941
(פראַגמענט)

מיט די שוויס־ריזלעך אויפן אָנגעצונדענעם פּנים, וואָס זי האָט עס אַלע מאָל אָפּגעווישט מיטן נאַסן, שמוציקן טיכל, מיט די קליידער צוגעקלעבט צו דער נאַסער פּלייצע, מיט דעם שטויב פון די בעסעראַבער וועגן אויף די שיך, האָט לואיזאַ געטרעטן ווי אַ אויטאָמאַט מיטן קינד ביי דער האַנט.

דאָס קינד איז געגאַנגען מיט די באָרוויסע פיס. זיינע שיך — שוין לאַנג צוריסן געוואָרן פון דעם אַזויפיל גיין איבער די וועגן.

ער האָט געשוויגן און געקוקט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן אויף פאָרויס, און איז געגאַנגען מאַכנדיק פון צייט־צו־צייט אַ לויפנדיקן שריט, כדי ער זאָל זיך קענען האַלטן נעבן זיין מאַמע.

איבעראַל איז געווען ווייס פון פעדערן וועלכע האָבן געווייעט אין דער לופטן. עס איז געווען פול אויף די גאַסן, אויף די הייזער, אויף די איינגעפאַלענע, פאַרברענטע ווענט, אויף די פלויטן, אויף די ביימער, וואָס זיי האָבן פאַרנעפּלט מיט ווייס זייערע גרינע בלעטער.

עס זיינען אויך פול געווען די ביימער מיט די אָפּגעסמאַליעטע בלעטלעך פון דער שריפה, פון דעם באָמבאַרדירן און דעמאָלירן.

די ביימער האָבן אויסגעזען זער מאָדנע, גלייך ווי נאַקעטע — ביימער פול מיט שניי אין מיטן פון אַזאַ הייסן זומער.

פון צייט־צו־צייט האָט מען געזען איינצעלנע מענטשן, אָדער צו צוויי־דריי, וועלכע האָבן געטראָגן — און איבערהויפּט געשלעפּט — עפּעס אַ פּעקל אָדער אַ זאַק מיט זאַכן, קוקנדיק אין אַלע זייטן מיט איבערגעשראָקענע



אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן עפּעס גע׳גנב׳עט און מורא געהאַט מען זאָל זיי נישט כאַפּן.

ביי איינציקע טויערן — אַביסל געעפנט — האָט מען אַרויסגעזען איבערגעשראָקענע אויגן, ווי זיי קוקן אַרויס אויף אויפצוכאַפּן וואָס ס׳איז עפּעס נייעס.

אַ סך הייזער זענען געשטאַנען פּוסטע, מיט די טירן אָפּגעבראָכן, מיט אַ צובראָכענעם טיש, אָדער אַ צובראָכן בעט, צי אַ צובראָכענע שאַפע. און פעדערן — פעדערן איבעראַל, און איבער אַלעס, אויף וויפיל דאָס אויג קען נאָר פאַרנעמען. און אַזוי ווי זיי האָבן געווייעט אין דער לופטן, האָט זיך געדוכט ווי אַ ווייסער ים מיט ווייברירנדיקע כוואַליעס וואָלט געשוועבט אין הימעל.

און לואיזאַ מיט איר אָנגעשטרענגטן האַרץ, איז אַלץ געגאַנגען מיטן קינדביים האַנט, קוקנדיק אין אַלע זייטן, אפשר וועט זי דאָך דערקענען דאָס הויז פון דימיטרי. דאָס וועט זיין איר רעטונג. אויב זי וועט נישט געפינען דאָס הויז, איז זי פאַרלוירן.

וואו אַנדערש קען זי זיך אַהינטאָן? ווער קען זי, ווער האָט זי אין זינען?

— עס זאָל נאָר נישט אַמאָל דינאַמיטירט זיין, דאָס הויז זיינס — זאָגט זי צו דעם קינד, וועלכעס האָט זי געגעבן אַ קוק אָן מיט אַ נייער דאגה.

עס לויפן אַדורך איבער דער גאַס איבערגעשראָקענע, מאָגערע, פאַרטריקנטע קעץ, אָדער, מ׳זעט זיי אַריבערשפּרינגען אַ פּלויט ביי עפּעס אַ פאַרברענט צו פאַרלאָזן הויז.

ס׳איז טרויעריק זיי אָנצוקוקן ווי זיי וואָלטן בולטער מאַכן דעם הונגער מיט זייער מיאַום׳דיקן מיאַוקען, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט בייסן.

דאָס קינד רופט זיין מאַמען זיי זאָלען זיך פאַרנעמען אויף אַ גאַס, וואָס הויבט זיך אָן דאָרט פאַר זיי, און זיי לאָזן זיך גיין וואו דאָס קינד זאָגט.

זי אַליין — ווייסט גאָרנישט, ווי אַזוי זיך צו אָריענטירן. און ווי אַזוי דאָס קינד האָט ביז יעצט געפירט, זענען זיי אַלץ גוט אָנגעקומען. זי האָפט אַז ער זאָל נאָך עפּעס געדענקען פון דימיטרי׳ס הויז, כאָטש ער איז נאָר איינמאָל דאָרט געווען נאָך מיט זיין טאַטן.

עס איז שוין אַזוי לאַנג זינט דעמאָלט. אָבער, נאָר אין זכרון פון דעם קינד איז איר האָפנונג, כאָטש ער איז נאָך אַ פּיצעלע פון פינף יאָר.

— אוי, מאַמע, — זאָגט דאָס קינד מיט רחמנות, — קוק נאָר אָן דאָס הינטל, נעבעך. ס׳דאַרף אויך זיין אַ ייד. וואָרעם — זע — מ׳האָט עס אויך געמאַכט אַ סימן.

לואיזאַ קוקט צו דעם אָנגעוויזענעם הינטל, וואָס גייט אַנטקייגן איבער מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

עס איז אַ ווייס, מאָגער ביינערדיק הינטל, איינגענורעט אויף אַ זייט מיט אַ געלן פלעק, אַזוי ווי די לאַטעס וואָס די יידן טראָגן.

אַ מיליטער־מאַן זעט זיך אָנקומען.

אויגן און זי מאכט עס אַ גוטן סימן.

די געשרייען הויבן זיך אָבער ווידער אָן, צוערשט איינער, און דערנאָך — נאָך איינער, גלייך ווי עפּעס מיידלעך וואָלטן געלאָזן די נשמות אין שווערע יסורים.

אַ עלעגאַנטער, הויכער אָפיציר קומט אַרויס פון דער בעקעריי און גייט צו צו דער מאַשין. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין און הערט זיך צו צו די געשרייען.

— וואָס הערט זיך דאָס? — פרעגט ער ביי דעם סאָלדאַט, וועלכער שטייט מיט אַ פוס אויף אַ טרעפּ פון מאַשין און פאַרדרייט זיך אַ ציגאַרעטל.

— עפּעס אינגלעך פון אונזעריקע האָבן זיך געשפּילט מיט צוויי זשידקעס אין קעלער, — ענטפערט דער סאָלדאַט, ביי וועלכן לואיזא, וועלכע האָט זיך שוין דערנענטערט, האָט געזען אַ גרויען קאָפּ.

— אַך! — מאַכט דער אָפיציר, פאַרקרימענדיק דאָס פּנים מיט עקל. — פאַרוואָס האָבן זיי נישט אַריינגעשאָסן אין זיי צו איינציקע קוילן. עס איז ניט מענטשלעך זיי אַזוי צו לאָזן אַז זיי זאָלן זיך אַזוי פּייניקן.

און זאָגנדיק די ווערטער, איז ער אַריין גיך אין פאָרנט פון מאַשין און געמאַכט אַ צייכן דעם סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך געזעצט נעבן אים, ער זאָל גיך אָפּפאָרן. און די מאַשין איז אַוועק, צובלאָזנדיק די פעדערן פון אויף דער גאַס.

אַן איבערבלייבעכץ פון אַן עפּל איז געבליבן אויפן אָרט וואו די מאַשין איז געשטאַנען. לואיזא, וועלכע איז צו זיך געקומען, האָט עס אויפגעהויבן, געטאָן אַ וויש־אָפּ, און האָט עס געגעבן דעם קינד, וועלכעס האָט עס געריסן פון איר האַנט.

יידיש פון י. וויינבערג

---

## א. ר. סען

### די שכינה

אַ מלאך האָט איינמאָל אַ נשמה געפירט
פונם הימעל דעם שיינעם אַראָפּ צו דער ערד.
באַשיינט איז געווען די נשמה די יונגע
מיט אויגעלעך פרייע, מיט פליגעלעך גרינגע.
געבענטשט האָט כביכול די נשמה מיט פרייד,
איר וועג האָבן כרובים מיט שטראַלן באַזייט;
די שכינה אַליין האָט איר געטליך געזיכט
אַנטפּלעקט פאַר איר ליבלינג אין היכל פון ליכט,
געשמייכלט צו איר, און מיט הייליקע רייד
האָט לאַנג די נשמה אַרונטער באַגלייט.
דערציילט האָט די שכינה דער יונגער נשמה



פון שיינעם גן־עדן, דעם גאָרטן, ווי פרומע
שפּאַצירן געהיילטע אין פריידן מיט גאָט,
און צערטלעך פאַרערן זיין הויכן געבאָט.
פון גיהנום דעם שוואַרצן האָט זי איר דערציילט,
דעם וואוינונג פון שרעקן און אייביקע לייד,
ווי הערצער פאַרצאַפּלען און ווערן פאַרברענט,
און לעבנס זיך וואַרגן מיט אייגענע הענט.
געענדיקט אַזוי האָט די שכינה איר רעדע: —
מיין קינד, אויף דער ערד דאָרט געפינסט דו זיי ביידע.
זיי וועלן, צוויי גייסטער, תמיד פאַר דיר שוועבן
און אָנפילן יעדן מאָמענט פון דיין לעבן.
און ציען וועט איינער מיט הימלישער פּראַכט,
דער צווייטער וועט גליען מיט טייפלישער מאַכט,
און וואַרפן וועסט דו זיך צו דעם און צו יענעם,
און קיינמאָל אויף תמיד געהערן צו איינעם.
נור מ י ך וועסט דו זוכן אין גאַנצן דיין וועג,
ווי בלאָנדזשענדע שיפן וואָס זוכן אַ ברעג.
וועסט גלויבן מיין ליכט אין טרוימען געפינען,
וואָס פלאַמען אַ רגע — און ווערן צורינען,
וועסט וועלן דערקענען מיין הייליקן וואונדער
אין ליבעס באַרוישן, אינם שמייכל פון קינדער.
וועסט תמיד נור בויען פאַנטאַזיע־בריקן
פון האָפנונגען יונגע, פון יונגען ענטציקן,
אויף זיי צו דערגרייכן צום שטערן פון גליק, —
און מיינען דערוויסן דאַן מ י י נ ע ם אַ בליק.
נור ערדישע גליקן ווי טוי גיך אומקומען,
מיט זיי וועט דיין יוגנט ווי וואַסער פאַרשווומען:
דען אָרעמע טרוימען ווי שאָטנס פאַרפליען,
און לאָזן נור איבער אין הערצער אַ ציען, —
אין ביטערעס בענקען מיט לאַנגען ענטוישן
פאַרפאָלגן די טריט פון אַ מאָמענט׳ס באַרוישן.
ביז ענדלעך אין טרויער וועט׳ס לעבן פאַרגיין —
און מיך וועסט דו אַלץ ניט, אַלץ קיינמאָל ניט זען.
דאָך קומען נאָך איינמאָל וועל איך אומגעריכט
ווען לעשן צולעצט וועט זיך שוין דיין ליכט.
דיין אויג וועט דערזען, ווי אַ פלאַם זיך צוגליען,
און באַלד מיט אַ נעבל זיך ווידער פאַרציען,
און הערנדיק מיך וועט דיין אויער אויפוואַכן
און גלייך שוין אויף אייביק זיך ווידער פאַרמאַכן.

לעא קעניג

# אלדד און מידד זאגן נביאות אין לאגער

## 5. „רעזיגנאציע"

אלדד און מידד סטראשן שוין ווידער מיט „רעזיגנאַציע". אייגנטליך, איז דאָס קיין נייעס ניט. דאָס גאנצע לעבן זייערס, דאָס הייסט פון זינט איך קען זיי, האלטן זיי אין סטראשן צו רעזיגנירן. ס׳רעדט זיך אַזוי רעזיגנירן, ווארום פון וואָס קענען זיי רעזיגנירן? זיי האָבן דען וועלכע ס׳איז אמטן — געזעלשאפטליכע אָדער פארטייאישע? זענען זיי אַפילו פארבונדן מיט סיי וועלכע צייטונגען אָדער אויסגאבן, וואו זיי שרייבן פון צייט צו צייט עפּעס אַריין פון זייער אייגענעם פרייען ווילן, ניט געבעטן און ניט באַצאָלט פון די רעדאקטאָרן און פארלעגער?

האָט איר געהערט — אַ קלאַפּ אין שטאָט: אלדד און מידד רעזיגנירן שוין ווידער, כאָטש זיי האָבן ניט פון וועמען און פון וואָס צו רעזיגנירן, האָבן קיינע פאראנטוואָרטליכקייטן אויסער צו זייער אייגענעם „שטיקל מענטשלעך געוויסן" אין וועלכן זיי גלויבן סיי ווי אויך קנאַפּ וואָס.

וואַרום ווען אלדד און מידד האָבן פון וואָס צו רעזיגנירן וואָלטן זיי דאָך ניט געווען דאָס וואָס זיי זענען — אלדדס און מידדס, נור הויכע באַאַמטע, פּארטיי פירער, מיניסטאָרן און סתם „וואַזשנע שישקעס", ווי מען פלעגט זיי אַמאָל רופן, וואָס זייער הויפּט אויפגאבע איז צו מאכן קריזיסן פון וועלכע זיי קענען זיך דערנאָך אַרויספּלאָנטערן נור דורך נייע פיל קערפּערליכערע קריזיס...

ווען אלדד און מידד האָבן פון וואָס צו רעזיגנירן וואָלטן זיי דאָך ניט געווען פון די שלים־מזלניקעס (מיר זענען זיי ליב..) וואָס דרייען זיך ארום אין דער מחנה און זאָגן נביאות, ווען ס׳פאלט אָן אויף זיי דער רוח נבואה אָדער להבדיל דער רוח שטות...

ווען זיי האָבן פון וואָס צו רעזיגנירן וואָלטן זיי דאָך ניט געווען פון די אַזוי גערופענע „ווינקלדיקע מענטשן", וואָס קומען אמאָל אויף אונזערע גרויסע אסיפות, געבן סקעפּטיש אַ שמייכל ביי דער טיר און גייען אַוועק, אנטלויפן ווי פון אַ ר׳וויס ניט וואָס.

אמת, מען באמערקט זיי אַמאָל; באזונדער די צענדליקער גדולים און „אונטער־גדולים" אונזערע, וואָס זענען שטענדיג אויף די פּלאטפּאָרמעס, פארנעמען פּאָזיציעס און שניידן זיך אויף נאָך העכערע אמטן, באַמערקן זיי און שושקן זיך איבער בשעת איינער פון זיי האלט אַ „שטארקע רעדע": „זעסט, זיי האָבן זיך געיאַוועט... אַ וואונדער אין מיטן וועמענס רעדע זיי וועלן אַרויסגיין לאכנדיק"... (זיי האָבן שוין אויפגעהערט מורא האָבן אלדד און מידד זאָלן אויך זוכן אמטן, הגם זיי זענען פעאיקער פון זיי, ווי זיי ווייסן ביי זיך אין הארצן).



ס׳איז אויך אמת אַז אין געוויסע ענגע קרייזן אָדער „סאלאָנען" זענען אלדד און מידד באזונדער פּאָפּולער מיט זייערע פּאראדאָקסאַלע דרשות און נביאותן. און מען שמועסט אַפילו אַז איינער אָדער צוויי פון אונזערע גאָר גרויסע מנהיגי הדור האָבן זיך אַ פּאָר מאָל אויסגעדריקט גאָר גאָר קאָמפּלימענטאר וועגן אלדד און מידד, ווען מען האָט זיי פארמסר׳ט פאר זייערע אפּיקורסישע נביאותן... אָבער דאס אלץ נעמט אלץ ניט צו דעם קאָמיזם, ווען זיי הויבן אָן רעדן און סטראשן מיט רעזיגנאציע, און זייערע פריינט אמוזירן זיך שטארק דערביי...

---

איך האָב זיי שוין געהערט עטליכע מאָל סטראשן מיט רעזיגנאציע און טאקע רעזיגנירן. בשעת יעדן גרויסן קריזיס סטראשן זיי דערמיט, און אזוי ווי אונזערע צייטן און לעבנס באַשטיין, קען מען זאָגן, בלויז פון געפערליכע קריזיסן, וועלכע לאָזן זיך אויס מיט אלץ גרעסערע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע פירן צו נאָך גרעסערע קריזיסן, קען איך שוין כמעט אויסנווייניק זייערע רעזיגנאציע דיאלאָגן:

געוויינלעך קומט עס פאר אזוי: זיי זיצן מיט גלעזלעך אין די הענט, פארציען דעם רויך פון סיגארעטלעך און שווייגן מיט אַ געדיכט שווייגעניש, רופט זיך אפּ עמיצער פון די אנוועזנדע צו זיי: „נו, וואָס הערט זיך?" שווייגן זיי ביז איינער פון זיי ענטפערט פארן צווייטן (ס׳רוב מידד פאר אלדדן): ער רעזיגנירט; ער האָט שוין רעזיגנירט. „ניין, ס׳איז אונמעגלעך" — שפּאסט עמיצער. „איך בין זיכער אז דער פּרעמיער וועט ניט אָננעמען זיין רעזיגנאַציע... ער וועט שיקן מסתמא נאָך אים און אים פּרואוון איבעררעדן ער זאָל בלייבן, ווארום ווי אַזוי קען סיי וועלכע רעגירונג אָנגיין אָן אַזעלכע פיינע מענטשן ווי אלדד און מידד, און מידד וועט דאָך מסתמא ניט בלייבן ביים רודער אָן זיין פריינט"...

ביז אַ יונג שיין מיידל וואָסאָ שפּילט אָדער וויל שפּילן טעאָטער, פאלט פאר זיי אויף די קני און בעט זיך ביי זיי (ס׳רעדט זיך אַזוי) ווי ביי גזלנים אין אַ וואַלד: ווי גאָט איז אייך ליב פארלאָזט אונז ניט... וואָס וועלן טון די אידיאָטן אָן אייך... זיי זענען דאָך אַזוי פּראָסט, אַזוי וואולגאר, אַזוי בלינד און נאריש־אַמביציעז... וואָס וועלן זיי טון אָן אייער וויזיע, אָן אייער פיינער קולטור... אָן אייער סענסיוויטעט?

אַנדערע הויבן אָן סטראשן אַז זיי וועלן אויפרודערן דאָס געזעלשאַפטלעכע געוויסן, שרייבן בריף אין דער „טיימס" און ניט צולאָזן אַזאַ שאַנדע... אָבער עס העלפט ניט... „ס׳איז אַרויסגעוואָרפן, — טענה׳ן זיי, — מיט מענטשן וועט איר שוין גארניט אויפטון... ס׳איז שוין אזא מין באשעפעניש, וואָס מוז זיך אומברענגען, מאכנדיק דערביי די משונהדיקסטע פרומע, לייטישע און גערעכטע אויסרידן"... אָבער דאָס מאָל איז די רעזיגנאציע צערעמאָניע פיל ערנסטער געווען, אַטאָמישער אַזוי צו זאָגן: „איך רעזיגניר,

דערויף האָב איך דאָך געגעבן מיין אַדרויף,
פירט דאָך אויס מיט מיר דעם שפּאַס, דעם לעצטן,
און מיר זיינען קוויט, אויסגעגלייכט מיטן חוב.

„איך, שוואַכער ייד, פון רחמים־גאָט אַנטלויף,
און איר מאַטראָסן־ריזן בעט ביי אים גנאָד?
גיכער מיט די גורל־ביינדלעך אַרויס — — —
און אויסגעשטעלט זיך געשווינד אין עגול־ראָד!
פאַר די וואַלפיש וואַרפט אַריין דעם „פאַרבייס“ —
יעדעס וואָרט נאָך, וואָס איר וואַרפט אַרויס, אַ שאָד“ —
— — — — — — — — — — — — —

נישט געקניט האָט יונה פאַר גאָט פון גנאָד,
ווען געמאַכט זיי האָבן דעם שפּאַס וואָס פאַרטראַכט;
דער ברויזנדיקער ים, ווי אַ וואַלפיש,
האָט אַן אויפגעריסן מויל, גרויס אויפגעמאַכט,
פון אָפענעם ים, פון אַ קעל אַרויס,
מיט טויזנט וועלן האָט יונה אויפגעלאַכט.

3

דריי טעג און דריי נעכט אויפן דנאָ פון ים
האָט עס ברויזנדיק געקאָכט און געזידט,
נישט יונה׳ן האָט אַ וואַלפיש פאַרשלונגען —
אַ שפּיציקן האָקן פון אייזן געשמידט.

שטעקט דער וואַלפיש דעם קאָפּ פון ים אַרויס
און כאָרכלט פון האַלדז דאָס שטעכיקע געוואָרג —
אַ פליענדיגער פייל פון אַ בויגן
אין צילנדיקער פונקט — ננוה מיטן מאַרק!

שטייט יונה אַ פאַרטמטער מטושטוש,
נישט פון דעם וווּנדער וואָס מיט אים ס׳איז געשען,
נאָר פון דעם ווילדן געהעץ אַרום אים,
פון דעם משוגעת וואָס זיינע אויגן זען:

שווערע אָקסן מיט באַגילדטע הערנער,
מיט פּערל־שנירן און דימאַנטן באַהענגט;
מענטשן ווי פערד אין וועגענער געשפּאַנט,
טריפנדיקער שווייס זייערע ווונדן שווענקט — —



און ווי דער תהום עפנט זיך זיין מויל:
„נאָך אין פערציק טעג וועט ננוה אונטערגיין!“
נישט אַ קול האָט פון אים אַרויסגערעדט,
פאַרביטערטער צאָרן און יאָמער געוויין

האָט ווי אַ שטורעם געיאָגט איבער שטאָט,
און וועמענס אויער נאָר די ווערטער דערהערט,
אַ טויט־דערציטערטער אויף די קני פאַלט,
רייסט דאָס קלייד פון לייב, נישט זינדיקן מער שווערט — —

אַרויס אַנטלאָפן איז יונה פון שטאָט,
נאָך געשווינדער ווי דער וויכער אַזוי גיך,
נישט ווייל אומקומען מיט זיי נישט געוואָלט —
נבזהדיקער ווי זינד איז דאָס חרטה־געקריך!

און ווען אינם פערציקסטן טאָג געזען,
ננוה די שטאָט געבליבן שטיין אויף איר אָרט,
האָט ער צווישן קריציקע ציין זיינע,
ווי אין קרישלדיקן שטיין געקריצט זיין וואָרט:

ווי דער מענטש אפנים אַזוי זיין גאָט —
אַ ציענדיקע שיף מיט זעגל אין ווינט!
עס איז אים נמאס א לעבן אַזאַ,
כוואַליק געוואַקל צווישן מחילה און זינד.

אַז ווי אַזוי קאָן אַמאָל אויפהערן
גנבה, גזלה און נאוף און מאָרד,
אַז די האַנט וואָס טהוט דאָס אַלצדינג, ברויך קוים
אין הארצן זיך קלאַפּן מיט פרעפלדיק וואָרט;

דעם געמאָרדעטן נאָר פאַרברענען בלויז,
דאָס אַש יענעמס זיך שיטן נאָך איבערן קאָפּ,
מיט זעק זיך די שענד־לענדן פאַרבינדן,
און מיט רחמים קוקט גאָט אויף אים שוין אַראָפּ.

פון אַ גאָט אַזאַ וויל ער נישט וויסן,
און נישט פון זיין כוואַליקן וואַקליקן וואָרט!
אַרויסרייסן פון הארצן וועט ער אים,
אַן אַנקער וואָס שיף ציט אָפּ פונם פּאָרט.

4

„יונה, יונה — —‟ און אַלץ שטילער דאָס קול
„יונה הערסט נישט דעם צער פון מיין רוף אַרויס ?
גרויזאמער פון גרים־צאָרן איז רחמים — — —‟
און יונה, ער דרייט צומאָל דעם קאָפּ נישט אויס,
ס׳דוכט זיך אים ס׳איז יענער מאַטראָזן־ריז,
וואָס האלט אין איין „יונה׳ן‟ און חוזקן בלויז.

גייט עס גאָט אין לעבן, ווי אַ מענטשן,
אַ גערעכטער צו זיין און אַ גוטער דערצו ?
נו, מילא, ער איז דאָך אַ כל־יכול,
ווער ווייסט זיינע וועגן, צו וואָס, ווען און ווו ?
משפט, זיי מוחל, טו וואָס דיר זיך גלוסט,
נאָר מיך, יונה׳ן, דעם פישער, לאָז שוין צורו.

ער, יונה, ברויך זיך נישט צו באַהאַלטן,
וואָס מען האָט אים געהייסן האָט ער געמאכט,
ער יונה ברויך זיך נישט פארענטפערן,
זיצט ער אין בלוטיקער מחשבה פארשמאכט —
אַ פיש, אַ אָפּגעריסענער פון שטריק,
אין די געדערים דער שארפער האקן שטאַכט.

נישט צווישן צווייגן זוכט גאָט אים אַרום —
אַז צומאָל דאָס איינציקע בלאט איבער קאָפּ
האָט זון ווי אַ וואָרעם אָפּגעביסן !
אין זיין הארץ הערט ער אים אַרויף און אַראָפּ,
און דאָס געפליסטער נישט ווי פון בלעטער —
אַ גייענדיקער ים וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ :

— ביסט גערעכט, דו, יונה בן אמתי,
רחמים הייסט פון זיך אַליין מאכן די העץ,
דעם קריכער לאָזן זיך קריכן אויפן קאָפּ !
דעם געכאפטן העכט אַרויסלאָזן פון נעץ — —
אָבער צי וויל איך וועמענען פאנגען,
צי בין איך דען אַ מענטש, צי צומאָל אַ געץ ?

זע, וואָרט קאָן זיין פון אייזן געגאָסן,
קיינמאָל נישט צו צעברעכן אַזוי שטארק און פעסט ;



אָבער ס׳ווערט דער געץ פון אייגענעם איך,
און אויף טויט און לעבן צו גיין אין פארמעסט !
אַ וואָרט קאָן ווערן ערלעך און געטריי,
אַ טייבל אַזוינס געוואוינט צו איר נעסט — — —

ווי אין דיין גערעכטן הארצן אצינד,
טיף אין יעטוועדן הארץ פארוויקלט איך בין —
אָ, דאָס געצאַפּל אין יעדן איינעם ! —
רייסט עס זיך ווי פאָדים פונם נעץ געשפין — — —
און ווי דער ים צווישן שטורעם און שטיל
וואַקל איך תמיד צווישן רחמים און דין !

אַז נישט אויף די מענטשן־קינדער, יונה,
האָב דאָך, מיט מיר, מיט דעם גאָט דיינעם מיטלייד —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט יונה זיין קאָפּ נישט אויפגעהויבן,
זיין אויפגעריסענעם בליק נישט אויסגעדרייט ;
אַ נעץ וואָס צערייסט זיך פון שווערן פאנג
איז זיין הארץ צעריסן אין גאָטס חסד־רייד.

* * *

הינטער ננוה די שטאָט שטייט אַ פעלדזן,
ווי אַ מענטש פונקט די גרויס און פון צער צעוויינט —
אינמיטן גאָטס רחמנות־רייד צו אים,
איז יונה אַזוי שטיינגעבליבן פאַרשטיינט.

מיט משה׳ן האָט גאָט אין קוש זיך פאראיינט,
ווייסט קיינער נישט ווו זיין קבר זיך געפינט ;
פון גאָט׳ס טרערן ביי יונה׳ס טויט — אַ קוואַל,
פון אַ שטיין לעבעדיק וואַסער אייביק רינט.

זאנפט איז די וועל, ווי ליפּלעך פון אַ קינד,
טאָג ווי נאַכט ליבלעך מורמלט זי אָנאויפהער ;
דעם וועג דאָ אַהער געפינט נאָר יענער,
וועם ערלעך זיין בלויז איז זיין איינציק באַגער — —

אָבער צי האָט שוין אַהערגעפונען ווער ?

## משה עובד

# משיח׳ס נסיעות און נסיונות

### משיח לייזט אויס די קאָרסעטן שטאָט
(המשך)

#### קאַפּ. ה.

אין דער קאָרסעטן־שטאָט האָט יעדער פאבריק און פאבריקל אויסגעזען ווי אַ ענג פארשנורעוועטער דערשטיקנדער קאָרסעט און יעדעס הויז און הייזל ווי אַ קאָרסאָלעט. אָבער פון יושר בארג איז די גאנצע שטאָט געלעגן אויסגעלייגט פארן זעערס אויגן ווי איין גרויסער אָפענער קאָרסעט.

די קליינע גאסן און געסלעך — די בענדער וואָס הענגען נאָך, און די פעסטונגען און תפיסות ביי די ברעגן פון שטאָט — די אייזערנע שנאלען.

און ווען משיח האָט אַראָבגעקוקט און אַריינגעקוקט און געזען באַשיינפערלעך וואָס דאָרט טוט זיך האָט ער געזאָגט צום אייזעלע: „זעסטו דאָרט די מענשן קריכן צו דער אַרבייט און פון דער אַרבייט צו די קראָמען און קרעמלעך, בירזשעס און באנקען און פון זיי ווי זען זיי אויס? זאָג!“

„ווי די לייז זען זיי אויס. זע איך גוט, גואל־לעבן?“

„יאָ“ — האָט אים משיח געענטפערט, „זעסט גוט“.

„און וואָס למשל דענקט דער גואל־לעבן צו טון מיט זיי?“

„וועסט „למשל“ באַלד זען“, האָט משיח געענטפערט.

און משיח האָט אויפגעהויבן די קאָרסעטן־שטאָט ביי די צוויי עקן און זי געגעבן אַ גוטן מעכטיקן שאָקעל און די גאנצע באַפעלקערונג, איינגעשלאָסן איוב „דער קעניג פון קאָרסעטן“, זיינען געשטאַנען פאר זיינע אויגן. און יעדער איינער און יעדע איינע, ניט אַן אינסעקט, נאָר אַ מענש, מיט אלע זיינע חסרונות, אָבער דאָך דאָס וואונדערבארסטע באַשעפעניש„ אויף אַלע אָבגעטער געזאָגט געוואָרן.

און אַזוי האָט ער צו זיי גערעדט:

„איצט זענט איר אלע פרייע מענשן, ניט מער קיין קאָרסעטן לייז, און מענשן זאָלט איר בלייבן. אַכטן און באַוואונדערן איינער דעם צווייטן. אַכטונג געבען אויף דעם אונשטערבלעכן ניצוץ וואָס געפינט זיך אין יעדן איינעם פון אייך ער זאָל קומען צו אַ תיקון. געדענקט פון היינט אָן זענט איר אַלע אויסגעלייזט!“

און ווען זיי האָבן געזען וואָס משיח האָט מיט זיי געטון, ווי ער האָט זיי אויסגעשאָקלט פון קאָרסעטן ענגשאַפט און שעבדות און זיי באַהויכט מיט דער ליכטיקער רחבות פון פרייהייט, און ווען זיי האָבן ענדלעך דערפילט אין זיך אַז זיי זענען ניט נאָר ניי געבוירן נאָר אויך פולגעבוירן, דאן איז יעדנס פונק פון טאלאנט און פלאם פון גאונות אויפגעגאנגען און פארפלייצט מיט אַ ים פון ליכט דעם יושר בארג.





#### קאַפּ. ו.

אָם שטארקסטן האָט אויפגעפלאקערט דאָס גאונות פון איוב׳ן, איוב דער געוועזענער אָריענטאַלער פרינץ פון אַגריקולטור, און צווישן ביידע רייכע פעריאָדן דער מאיעסטעטישער דיכטער פון ליידן און ערשט וואָס דער וועלט באַרימטער „קעניג פון קאָרסעטן“. ער האָט דערפילט אין זיך, זייט ער איז געוואָרן אויסגעלייזט און באַפרייט פון אונטערדריקן, אַז מ׳קען דינען מייסטערהאפט דאָס געטלעכקייט אין די מענשן־קינדער מיט געזונטע ריינע אָרעמס בעסער ווי מיט קראנקע און קרעציקע. מיט די פריילעכע קלאנגען פון ריינגאָלד און זילבער קען מען אויפוועקן נשמות צו אונשטערבלעכע יצירה, פיל לייכטער ווי מיט שטיינערנע זיפצן און בלייערנע טרערן. און ער, איוב איז געוואָרן דעם מלך משיח׳ס רעכטער האנט, זיין שני־למלך.

צוויי מיסיעס האָט ער געהאט: אַוועקצושטעלן די אינדוסטרי אויף יסודות פון יושר און אַוועקצוזעצן די פּאָעזיע אויף דער טראָן פון תפארות.

זיינע אָרגאניזאַטאָרישע פעאיקייטן און ערפארונגען און וויזיאָנערישע איבונגען און איבערלעבונגען האָבן אים געגעבן די רייפע חכמה איינצופלאַנצן יעדן מענשן אויף זיין אָרט, דאָרט וואו ער זאָל קענען בליען, וואַקסן און זיך ענטוויקלען צו דער העכסטער מדרגה פון פרוכטבאַרקייט.

## די סאוויעטן שטאט

#### קאַפּ. ז.

נאָך דעם ווי משיח האָט אויסגעלייזט די קאָרסעטן שטאָט פון קאַפּיטאַליסטישן פאפעריזם, די שטאָט וואָס איז געלעגן אויף דער רעכטער זייט פון יושר־באַרג, האָט ער געווענדט זיין בליק צו דער קאָמוניסטישער סאָוויעטן שטאָט, וואָס איז געלעגן אויסגעלייגט אויף דער לינקער זייט פון יושר־בארג.

די נפקא מינה צווישן די ביידע שטעט איז באַשטאַנען אין דעם: בשעת אין דער קאפיטאליסטישער־פאפעריסטישער קאָרסעטן שטאָט האָבן די קאָרסעטן געגרייכט פון אונטערשטן טייל ביז צו דער גאָמבע, איינגעשלאָסן ס׳הארץ, די לונגען, דעם מאָגען, „שלעפע קישקע“, און די איבעריקע אינסטרומענטן פון אַ טויזנט ליידנשאַפטן און חולאתן, האָבן די קאָרסעטן אין דער סאָוויעטן שטאָט געגרייכט פון שפיץ פיס און דערגרייכט ביז שפיץ קאָפּ. זיי האָבן געפענטעט די פינף חושים זיי זאָלן ניט קענען זען אָדער הערן צו ווייט און די נעזער זאָל זיך ניט פארשמעקן דאָס וואָס דער גזעצע געבער האָט דערפאַר ניט קיין גרויסן אַפּעטיט.

וויי איז געוועזן צו דעם וואָס האָט איין שלייפעלע אויסגעשלייפט, איין קניפעלע אויפגעקניפט אָדער איין מאַנעלע־ווייבעלע אויפגעהעקלט. אַפילו שרייען האָט דאָרט קיינער ניט געקאָנט ווייל די צונג איז געלעגן אין ענגשאַפט פון קאָרסעט ווי אַ שווערד אין אַ לייד.

ס. פּאַלמע

## רעפלעקסן

1

אין דעם האַרץ דיינס איינגעגראָבן,
ליגן ראָבן
און זיי פּיקן אויס דיין פרייד:
שטעטס מען זעט דיך ווי דו מעקסט זיך
און דו עקסט זיך
און דו שלייכסט זיך שטילערהייד, —
ניט באַגלייט.
ניט באַגלייט.

האָסט געחלומט אין דיין וואַך זיין:
פון דיין שוואַך־זיין
און געאַנקסט זיך טאָג ווי נאַכט;
האָסט געטראַכט־נאָר פון דיין ריין־זיין,
פון דיין קליין־זיין
און דער שטן האָט געלאַכט, —
טאָג ווי נאַכט.
טאָג ווי נאַכט.

2

זוכסט די אוצרות אויף רואינען
אָן אַ זינען,
זוכסט די ברעקלעך, רעשטלעך ווערט:
דאָס פאַרוואָס דו האָסט געווייטיגט,
האָט באַשטעטיגט,
אויף אוראַלטער היים־לאַנדס־ערד
אָט די שווערד!
אָט די שווערד!

ראַנגלסט זיך און ווילסט געווינען
מיט דיין מאַנען,
ביי דעם טייוול וואָס איז שוואַרץ?
קאָנסט קיין לעזונג ניט געפינען
אויף רואינען,
ביז דו רייסט ניט אויס זיין האַרץ, —
וואָס איז שוואַרץ.
וואָס איז שוואַרץ.



קייטי בראַון

## אַלץ צוליב אַ ירושה...

אין אַ געוויסן קאַלטן ווינטער אָוונט, זענען זיך צוזאַמענגעקומען דריי פריינד, ביי אַ באַקאַנטן אין הויז, און אַזוי ווי עס האָט אין דרויסן געקאַפּעט אַ דראַבנער רעגן, האָבן זיי באַשלאָסן יענעם אָוונט צו פאַרבלייבן אין שטוב און פאַרברענגען אין אַן אינטימער אַטמאָספערע.

קיין קאָרטן שפּילער זענען זיי נישט געווען, רעדן פון פּאָליטיק, האָט זיך זיי שוין דערעסן און איבערהויפּט איז געווען אַ שאָד צו צושטערן די פיינע שטימונג, אונטער וועלכער זיי האָבן זיך דאַן געפונען; און גלאַט אַזוי זיצן האָט דאָך אויך נישט קיין זין. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן: מען זאָל דערציילן עפּיזאָדן פון לעבן, וועלכע זאָלן זיין אַמוזירנדיק און אינטערעסאַנט.

מען האָט געצויגן קניפּלעך ווער עס זאָל היינטיקן אָוונט זיין דער דערציילער, און דער אויף וועמען דער גורל איז געפאַלן, האָט גלייך ערקלערט, אַז ער וועט דערציילן אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין זיין לעבן און ער וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך אויסגעהוסט, זיך געמאַכט באַקוועם אויפן בענקל, און אָנגענומען אַן ערנסטע מינע. די אַנדערע פריינד האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן וואָס מיט זייער פריינד איז פאָרגעקומען, און יענער האָט אָנגעהויבן:

— ווען איך האָב זיך דערקענט מיט מיין כלה, האָט זי מיר גלייך איינגעשאַפּט אין נדן אַ רייכע מומע, וועלכע האָט פאַר איר צוגעגרייט אַ גרויסע ירושה. און טראָץ דעם וואָס איך האָב מיין כלה ליב געהאַט און וואָלט זי גענומען אַפילו אָן נדן, איז מיר די מעשה גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז מען גייט חתונה האָבן, דאַרף מען זיך איינאָרדענען אַ היים, דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן און אַז עס פאַלט צו אַ ירושה אַ גרויסע דערצו, איז עס זער ווילקאָמען. די מומע, האָט זי מיר דערציילט, איז שוין גאָר אַן אַלטע, זי האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, אָבער אין די יונגע יאָרן האָט זי אָנגעפירט מיט גרויסע געשעפטן, געלעבט זער שפּאָרזאַם און אָנגעזאַמלט פיל טויזנטער. אַזוי ווי מיין כלה איז געווען די איינציקע קרובה, איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ וועט איבערגיין צו איר. איבערהויפּט האָט די מומע איר עטליכע מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב זי וועט זיין גוט צו איר, וועט זי קיין חרטה נישט האָבן...

געוואוינט האָט די מומע אין אַ פּראָווינץ שטאָט, אָבער צוליב די גרויסע הוצאות פלעגט זי זער זעלטן קומען נאָך לאָנדאָן. נאָר מיין כלה פלעגט זי זער אָפט באַזוכן. געוואוינט האָט זי אַליין אין איין צימער, וועלכעס האָט געדינט פאַר אַן עס און שלאָף צימער. קיינער פלעגט צו איר נישט אַריינקומען און זי פלעגט זיך האַלטן אָפּגעזונדערט פון מענטשן, זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער איינזאַמקייט, און איז געווען צופרידן מיט איר שיקזאַל. איר איינציקער נאָענטער פריינד איז געווען אַ פּערסיאַנער קאַץ, וועלכע זי האָט אויפגעהאָדעוועט און שטענדיק געהאַלטן ביי זיך.

עטלעכע מאָנאַטן נאָך אונזער פאַרלאָבונג האָבן מיר גענומען מאכן פאַרבאַרייטונגען פאר אונזער חתונה. איך בין אַרומגעגאַנגען מיט פרייד אין הארצן און זיך געפילט גליקלעך. מיר האָבן געפונען צוויי צימערן, ווייל לויט יענע אומשטענדן האָבן מיר זיך נישט געקאָנט ערלויבן מער. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ טיש, עטלעכע שטולן, אַ שפיגל, אַ קאמאָד און א בעט. מיין כלה האָט איינגעקויפט אלע הויז ווירטשאפט און געמאכט אונזער היים באקוועם ווי נאָר מעגלעך.

דער דאטום פון דער חתונה איז געקומען נענטער, מיר האָבן אַרויסגעשיקט איינלאדונגען צו פריינד און באקאנטע, אַזוי ווי עס פירט זיך ביי לייטן, פארשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך נישט פארגעסן די רייכע מומע מיט מיין כלה׳ס גרויסע ירושה.

עטלעכע טעג פאר דער חתונה האָבן מיר באקומען אַ טעלעגראַמע פון דער מומע, אַז זי קומט מאָרגן צו פאָרן, און געבעטן, מען זאָל זי אָפּוואַרטן ביי דער סטאנציע. צו דער באשטימטער צייט זענען מיר ביידע אוועק צום באַן. מיר האָבן זיך שטארק דערפרייט מיט איר. ערשטנס, האָב איך זי קיינמאָל ניט געזען און צווייטנס, האָט זי אונז באלד דערציילט, אַז זי האָט מיט זיך געבראכט אַ שיינע חתונה מתנה.

שטארק געפעלן איז זי מיר נישט, איך האָב באלד באמערקט אַז זי איז אַ קאפריזנע אלטע מויד, אונרואיג און נערוועז, אָבער באלד איז מיר געקומען אויפן געדאנק די ירושה און איך האָב באַשלאָסן, אַזוי אויך מיין כלה, צו זיין זער העפלעך און גוט צו איר.

ניט וויסנדיק פארן מאָמענט וואָס מיט איר צו טון און ווי אַזוי איר אַרויסצואווייזן גענוג גאסטפריינדלעכקייט, האָבן מיר זי אַוועקגעפירט אין אונזער וואוינונג. זי האָט פשוט אָנגעקוואָלן פון נחת און זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון די ציכטיקע צימערן.

פלוצלינג איז מיין כלה געפאלן אויף אַ פלאן, זי האָט אָנגעבאָטן די מומע, זיך דערווייל צו באנוצן מיט אונזער בעדרום. דער מומע איז דער פלאן זער שטארק געפעלן; ערשטנס די זויבערקייט און צווייטנס, וועט זי זיך איינשפּאָרן האָטעל עקספּענסעס. גלייך האָט זי זיך געמאכט היימיש, אויסגעפּאַקט איר באגאזש, צוהאנגען די קליידער, אַוועקגעלעגט איר נאַכט העמד אויף אונזער בעט און די שטעק שיך דערנעבן.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך איר היימישקייט גענומען אַביסל פארדריסן. אַ גאנצן לעבן האָב איך געחלום׳ט וועגן אָט די שיינע צימערן; זיי זענען ביי מיר געווען הייליק, יום טוב׳דיק און צום סוף קומט גאָר אַ מומע, אַ פרעמדע, וועלכע איך קאָן ניט רעכט, און מאכט דאָס אלעס אַזוי פּראָסט און וואָכנדיק. נאָר גאָרנישט, איך האָב געזען אַז עס איז פארפאלן און איך מוז יעצט שווייגן ביז נאָך דער חתונה...

פון דאן אָן האָב איך אָנגעהויבן ציילן די טעג. עפּעס האָב איך דערפילט אַ קאָנקורענטקע אין דער מומע. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַהער־



געקומען פארנעמען מיין פלאץ... און איך האָב געוואָלט פון איר וואָס גיכער פטור ווערן.

ענדלעך איז געקומען אונזער חתונה טאָג. די חופה און די וועטשערע זענען צוגעגאנגען אויפן בעסטן אופן, די געסט האָבן זיך פיין אַמוזירט, די מומע האָט געטאנצט אַ מצווה טענצל און פון גרויס פרייד האָט זי איבערגעכאפט די מאָס מיט עטלעכע גלעזלעך בראָנפן, אַזוי אז דער קאָפּ האָט זיך איר פארדרייט און זי האָט גענומען רעדן נארישקייטן...

מיין כלה האָט געהאט טויזנט חן, מיר דאכט זיך אַז זי איז גאָר קיינמאָל אַזוי שיין ניט געווען, איך האָב זי נאָך מער ליב באקומען יענעם אָוונט און געוואָרט אויף דעם מאָמענט צו בלייבן מיט איר אַליין, כדי איך זאָל איר קענען זאָגן ווי ליב איך האָב זי. מיין בליק איז געפאלן אויף דער מומע און איך טראכט מיט נקמה: היינט מומעניו, וועסטו שוין ניט לעגן דיין נאַכט־העמד אויף מיין בעט. היינט בין איך בעל הבית... אַ מצווה אויף דיר, דו אלטע נארישע בהמה וואָס דו ביסט...

עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפעט. די געסט האָבן זיך גענומען פונאַנדערגיין, מען האָט זיך געזעגנט, צוקושט, צוגעוואונטשן. מיר האָט זיך שוין אויך געוואָלט גיין אַהיים, מחמת איך בין געווען מיד און פארמאטערט. די פריערדיקע נאַכט האָב איך מיט קיין אויג ניט פאַרמאַכט. רוף איך אָפּ מיין כלה אָן אַ זייט און פרעג ביי איר:

— וואָס וועט זיין מיט דער מומע?

— זי וועט מן הסתם גיין שלאָפן אין אַ האָטעל, זי איז דאָך נישט קיין בהמה און וועט זיכער פארשטיין, — ענטפערט מיין כלה.

בין איך צופרידן און מיר טוען זיך אָן די אויבער־רעקלעך און נעמען גיין צו אונזער דירה וועלכע איז נישט ווייט פון דעם חתונה זאל, און די מומע גייט מיט אונז גלייך. טראכט איך, זי מוז דאָך גיין, זי קען דאָך אין זאל נישט פארבלייבן, וועט זי זיך מיט אונז זיכער געזעגענען אין גאַס און אַוועקגיין אין אַ האָטעל.

הכלל, מיר גייען, מיר זענען שוין באלד אין דער היים און... זי גייט מיט אונז.

ס׳איז שלעכט! אַ חוצפהדיקע מומע, טראכט איך. מיר גייען אַריין אין שטוב, זי אויך. מיר רעדן שטיל צווישן זיך, זי הערט זיך איין און וואַרפט אויך אַריין אַ וואָרט... מיין כלה טוט זיך אויס די אויבערשטע קליידער, זי אויך. אַלס פּראָטעסט טו איך זיך אויך אויס... זי מאכט זיך נישט זעענדיק, פונקט ווי נישט זי מיינט מען. דער זייגער שלאָגט שוין צוועלף, שוין באלד אַוועק אַ האלבע נאכט און זי זיצט. טו איך אַ וואונק צו מיין כלה, זי זאָל אַריין אין בעדרום און זיך לייגן אין בעט, אפשר וועט דאָס העלפן. אָבער מיין כלה ליגט שוין, און זי זיצט... ווער איך פארצווייפלט און פאל אויף אַ פלאן, אַז ניט אנדערש, נאָר מען מוז איר זאָגן אָפענע דבורים, ווען איך זאָל אַפילו וויסן צו פארלירן די ירושה, אויב נישט, וועט עס קיין סוף נישט נעמען. נעם

איך זיך אָן מיט הארץ און רוף זיך אָן צו איר:

— מומע, שוין צייט צו גיין שלאָפן!

נאָר ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זי זיך פאר מיינע רייד נישט אָפּגעשראָקן, זי האָט זיך לאנגזאם אויפגעשטעלט, געגעבן אַ פוילן גענעץ, און געענטפערט::

יאָ, דו האָסט רעכט, שוין צייט צו גיין שלאָפן.

...און איז אַריין אין בעדרום.

טראכט איך: גאָט צו דאנקן עס האָט געווירקט, זי איז זיכער אַריין אַהין אָנטון דעם מאנטל און וועט מן הסתם באשטעלן אַ טעקסי זי צו פירן צום האָטעל, אָבער עפּעס איז מיר נישט געפעלן וואָס זי זוימט זיך אַזוי לאנג; שטעלט אייך פאָר מיין איבעראשונג אַז ווען איך בין אַריין אַהין, האָב איך צו מיין שטוינען דערזען ווי די מומע ליגט מיט מיין כלה אין בעט... עס האָט מיך פארקלעמט ביים הארצן, פון גרויס פארדרוס האָב איך געכאַפּט מיין מאַנטל דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ מיט דער טיר, און אַרויס אין גאַס, וואו איך האָב אַרומגעוואַנדערט די גאַנצע נאַכט.

באלד אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר זי באַגלייט צו דער באַן און עקספּאָרטירט אַהיים. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז זי געשטאָרבן, און ווען מען האָט געעפנט די צוואה האָט מען זיך דערוואוסט אַז זי האָט איר גאנץ פארמעגנס איבערגעלאָזן פאר דער קאַץ...

אַלע האָבן צוגעגעבן אַז דער עפּיזאָד איז געווען זער אינטערעסאנט

---

## קאראל פּענדאווסקי

## דאס ארויסציען זיך פון געטא*

עס איז געווען אָנהויב חודש נאָוועמבער 1942, די ערשטע טייל ליקווידאציע איז שוין געווען געענדיקט. עטליכע הונדערט טויזנט מענשן זענען ארויסגעפירט געוואָרן צום טויט, אין די לאגערס אריין, אין די גאז־קאמערן. ווארשע איז געווען טיף ערשיטערט.

דאָ בשכנות, אין דער זעלבער שטאָט איז אויסגעפירט געוואָרן אויף לעבעדיקע מענטשן אַ אומגלויבלעכע רציחה, פון געטאָ, וואָס איז געוואָרן ארומגעמויערט מיט א הויכער מויער, פון דער הויך באַשאָטן מיט שארפע שטיקער גלאָז באַוואַכט פון דייטשן און אוקראַאינער און לאָטישן, האָט מען

---

*אין נומער 3 פון ניי געגרינדעטן אין וואַרשע פוילישן זשורנאל: „דאָס רעכט פון מענטש", דעם 25־טן נאָוועמבער 1946 איז געדרוקט דאָס אַרטיקל „דאָס אַרויסציען זיך פון געטאָ אין 1942". ש. שפּער, וואָס האָט עס איבערזעצט און איז איצט איינער פון אונזערע מיטאַרבייטער אין „לשון און לעבן" און אין פריינט פון יידיש לשון", איז דער איבער ווענען דאָס אַרטיקל איז געשריבן.



צוויי חדשים צייט, טאָג איין און טאָג אויס, געמאָרדעט, אַרויסגעפירט און פארניכטעט מענטשן. שטיל ליידנדיק האָט מען זיך איבערדערציילט אלע מאָל נייע רציחות, אָרגאניזירטע אכזריותן. דער רוהיגער צושטאנד, וואָס האָט פונקט אין יענער צייט געהערשט אין ווארשא, האָט נאָך מער געדריקט דעם צער פון דער טראגעדיע אין געטאָ. דאָס וואָס מען קאָן נישט העלפן האָט נאָך מער געדריקט. מען האָט נאָר געקאָנט זען פון ווייטן די געטאָ מויערן, פארלאָזטע וואוינונגען, פון ווינד געריסענע פענסטער־פאָרהאנגען, אין ערגעץ אָבער קיין לעבעדיקן מענטש. פאר די מויערן אין דרויסן, יעדע צענדליגע מעטער איז געשטאנען אַ שילדוואַך און האָט זיך געלאנגווייליקט, געגעניצט, געפוצט דאָס געווער. איך האָב מיך צו די דאָזיקע וואַכן צוגעקוקט. זיי האָבן גאָר נישט שלעכט אויסגעזען. עס איז צווישן זיי, איבערהויפּט צווישן די לאָטישן, געווען פיל יונגע מענטשן מיט גאנץ מענטשלעכע פּנימער. איך האָב געזען איינעם וואָס האָט געשמייכלט צו די פּוילישע קינדער, וואָס זענען געגאנגען פון דער שולע. איך האָב געקוקט און נישט געקאָנט פארשטיין. עס האָט מיר אַ ייד דערציילט פאָלגענדער מעשה: אין געטאָ, אויף וועלכן פּאָסטן (דאָס איז געווען אָנפאנג ליקווידאציע) איז געשטאנען אן אוקראינישער זעלנער מיט א ביקס אויפן אָרעם אין געזעלשאפט מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט. הארט ביי דער געטאָ מויער האָבן זיך איינציגווייז, שנעל און שטיל אַדורכגע־גנב׳עט יידן. דער אוקראינער, אָנגעשפּאַרט אויף דער מויער, האָט גאנץ פריי געשמועסט מיט דעם יידישן פּאָליציאנט, פון דער זעלנערישער דאָליע, פון זיין היים, פון דעם ניט באקוועמען קאזארמע לעבן. אַ צען שריט ווייטער פון זיי איז אדורך אַ יונגע יידישע פרוי. ווען זי האָט באמערקט דעם אוקראינער,, האָט זי אים געוואָלט אויסמיידן. דער יידישער פּאָליציאַנט האָט זי דערקענט, עס איז געווען זיינע אַ באַקאנטע, די פרוי פון זיין נאָענטן חבר. ער האָט זי צוגערופן און זי איז צוגעגאנגען

אין דעם געשפּרעך מיטן פּאָליציאנט האָט זיך דער אוקראינער נישט אַריינגעמישט, ער האָט זיך קאלטבלוטיק צוגעקוקט צו דער פרוי מיטן פּאָליציאנט. אין אַ ווייל ארום האָט די פרוי אויפגעהויבן איר האנד און אין אָרדנונג געמאכט די האָר. אויפן פינגער האָט זי געטראָגן אַ גאָלדענע קידושן פינגערל. דער אוקראינער איז געוואָרן פאראינטערעסירט. ער איז נאָענט צוגעגאנגען, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך די פרוי געזעגענט און איז אַוועקגעגאנגען. אין דעם מאָמענט האָט דער אוקראינער אראָפּגענומען זיין ביקס און האָט נאָך דער פרוי געשאָסן און זי דערהרג׳ט. ער איז צוגעגאנגען צו איר, אַראָפּגענומען דאָס פינגערל פון איר פינגער און אַריינגעלייגט צו זיך אין טאש און איז צוריקגעגאנגען אויף זיין פריערדיקער שטעלע. דער יידישער פּאָליציאַנט וואָס האָט אויף דעם אלעם געקוקט האָט דעם אוקראינער געפרעגט: — פאַרוואָס האָט איר זי דערהרג׳ט? דאָס פינגערל האָט זי דאָך געקענט אייך אָפּגעבן מיט גוטן ווילן!... דער אוקראינער האָט זיך אַ מאָמענט פארטראכט און געזאָגט: — ווייסט איר,

איך האָב עפּעס נישט געהאַט קיין דרייסט.... איר דאָס צו זאָגן.

אַזעלכע צייטן זענען דעמאָלט געווען און אַזעלכע מענטשן.

אין אָנפאַנג נאָוועמבער 1942, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין געטאָ איז שוין גאָר ליידיק, איז נאָך דאָרט געווען קרוב הונדערט טויזנט מענטשן.

דעמאָלט אין אַ געוויסן טאָג בין איך געזעסן ביי זיך אין מיין פּריוואַט דירה, ביי מיין שרייב טיש. אונטער דער שטאָט האָט מען געקאָנט אויף אַ מינוט פאַרגעסן פון טעראָר, פון אַלע אכזריות, פון די אַבלאַוועס אויף מענטשן און אַלע אַנדערע זאַכן פון דער שרעקלעכער מלחמה־צייט אין פּוילן. דאָ איז געווען שטיל און רוהיק. די צייט איז געפלאָסן געמיטלעך. אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג האָב איך דערהערט אַ קלינג ביי דער טיר. אָן חשק בין איך געגאַנגען עפענען. אין דער טיר איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי. איך האָב זי ניט געקאָנט. זי האָט געפרעגט אויף מיר און אויף מיין מוטער. זי איז אַריינגעגאַנגען. זי האָט גערעדט צוריקגעהאַלטן און שרעקעדיק. אין ערשטן מאָמענט האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס זי וויל. זי האָט געזאָגט, אַז זי קומט פון פאַמיליע ש. אַזוי ווי איך האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווער דאָס זענען די פאַמיליע ש. האָט זי מיר געזאָגט דעם פולן נאָמען שפּער. דאָס זענען געווען יידן, זיי בעטן פאַר הילף, זיי זענען אין געטאָ. איך האָב זיי זער ווייניג געקאָנט, איך האָב אַמאָל פאַר זיי געפירט אַ ספּראַווע. איך מוז מודה זיין, אַז ווען איך האָב דערהערט מיט וואָס פאַר אַ שליחות די פרוי איז געקומען, האָב איך אינעווייניק דערפילט זער אַ שרעקלעך אומרואיקייט.

אַלע וואַרשאַווער מויערן זענען באַקלעבט געוואָרן מיט דייטשע באַקאַנטמאַכונגען, וואָס האָבן געוואָרנט מיט טויט שטראָף יעדן, וואָס וועט באַהאַלטן אָדער העלפן יידן. עס איז געווען גענוג צו קענען די באַדינגונגען, מען זאָל פאַרשטיין ווי ווייט דאָס איז שווער געווען אַרויסצונעמען פון געטאָ, אויסצואַרבייטן פאַלשע פּאַספּאָרטן און צו באַהאַלטן מענטשן, איך ווייס נישט וואו און ווי לאַנג. צו דעם אַלעם איז מיר דאָך די פרוי מיט דעם שליחות גאַנץ פרעמד. איך קאָן זי דאָך גאָרנישט. איך קאָן דאָך אָבער נישט אָפּזאָגן מענטשן וואָס שטיין ביים ראַנד פון טויט. איך האָב מיך מיט דער פרוי אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך אין עטלעכע טעג שפּעטער. איך בין געבליבן אין דער היים אומרוהיק אין האַרץ און צורודערט אין דער נשמה.

מיט איניקע טעג שפּעטער האָב איך געפונען די שטעלע וואו מען אַרבייט אויס די פאַלשע פּאַספּאָרטן, האָב געפונען אַ דירה וואו מען קאָן וואוינען אַ קורצע צייט.

אין דעם אָפּגערעדטן טאָג איז אָבער קיינער נישט געקומען. ליידער מוז איך מודה זיין (די טבע פון אַ מענטש איז שוין אַזוי), אַז עס איז מיר זער לייכט געוואָרן. שפּעטער אָבער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז די אומבאַקאַנטע פרוי געקומען. זי האָט אַלעס פון מיר אויסגעהערט און איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָב איך נאָר איין איינציקע ידיעה געהאַט, איך זאָל אַלץ צוגרייטן, שפּעטער שוין גאָרנישט.



עס איז אַוועק איין וואָך, אַ צווייטע און אַ דריטע און גאָרנישט. פּלוצים אַמאָל שפּעט אין אָוונט קלינגט דער טעלעפאָן. אַ מענער קול. דער אומבאַקאַנטער איז מודיע, אַז מאָרגן גיין די הערשאַפט ש. אַרויס פון געטאָ, ער גיט איבער די שעה און דאָס אָרט וואו צו טרעפן זיך. אין שולצענס פאַבריק וואו עס אַרבייטן יידן פון געטאָ. אַלץ איז אַרויסגעזאָגט בפירוש אָן שום סודות.

דער דאָזיקער טעלעפאָן געשפּרעך האָט מיר קיין שטאַרקייט נישט צוגעגעבן. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט זיך צו באַקלערן. במשך די גאַנצע שלאָפלאָזע נאַכט, האָב איך אויסגעאַרבייט אין קאָפּ דעם גאַנצן פּלאַן, וואָס עס איז דאָ צו טאָן. די פאַמיליע שפּער האָט געדאַרפט וואוינען ביי מיין באַבען אין זשאָליבורעש (ביי וואַרשע), דאָס וואוינונג איז אַצינד געווען פריי. די באָבע מיינע האָט שוין אַ פּאָר חדשים דאָרט נישט געוואוינט. זי, די באָבע האָט פון לאַנגע יאָרן זיך געקאָנט מיט די שפּערס און האָט זיי אַליין פאָרגעלייגט איר הילף.

איך מיט דער באָבע האָבן געזאָלט זיי אַרויספירן פון געטאָ און לאָקירן אין זשאָליבורעש. עס איז געווען דער לעצטער טאָג פון חודש נאָוועמבער, 1942. פינסטער, כמאַרנע, אַ הערבסט טאָג. בלייערנע כמאַרעס זענען נידריק געהאַנגען איבער וואַרשע. אין דער פרי האָב איך געמאַכט די לעצטע הכנות. די טייערע חפצים זענען איינגעפּאַקט אין וואַליזעס, מען זאָל קענען שנעל, אויב עס וועט נויטיק זיין, אַרויסטראָגן פון דער דירה. ביכער, דאָקומענטן און בעסערע מאַלעריי האָט מען פריער שוין אַרויסגעטראָגן צו מיין באַקאַנטן חבר, אַלע געריכט־אַקטן פון מיין אַדוואָקאַטן פאַרנעם. די פאַרנעבלטע צייט רוקט זיך פאַמעלעך. אַמאָל קלינגט דער טעלעפאָן און אַלע לויפן צו, אָבער דאָס קלינגט אַ קאָלעגע אָדער באַקאַנטער. גאָר נישט וויכטיגעס. ערשט אַזייגער איינס איז געקומען די באָבע. די באָבע מיינע איז שוין אַלט 80 יאָר,, אָבער זי איז נאָך פול מיט לעבן און מיט גוטן הומאָר. זי איז דאַר און איינגעבויגן, אָבער רירט זיך ווי אַ יונגע, גאַנץ ענערגיש. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן זיידענעם פּאַלטאָ. אויפן האַלז אַ שיינעם זשאַבאָט צוגעשפּיליעט מיט אַ אַלטפּרענקישע בראָשע, טראָגט אַ שוואַרצן אַלטמאָדישן הוט און ברילן אויף די אויגן. זער אָפט נעמט זי די ברילן אַראָפּ און ווישט זיי אויס מיט אַ ווייייס טיכל, וואָס זי נעמט אַרויס פון אַ גרויס דאַמען טאָרבע, וואָס זי טראָגט שטענדיק מיט זיך. זי איז אויפגעהייטערט, פריילעך און מיט גוטן הומאָר. באַלד פון דער שוועל פרעגט זי, אויב זי האָט נישט פאַרשפּעטיגט, אויב עס איז שוין צייט צו גיין. מען דאַרף דאָך אָבער צו פרי ניט אַרויסגיין. מען זעצט די באָבע אויפן פאָטעל, מען ברענגט טיי, זעמעל, פּוטער און מאַרמאַלאַדע, אָבער נאָר די באָבע אַליין האָט אַפּעטיט און עסט איין זעמל נאָך דער אַנדערער און פרעגט זיך אַלע מאָל אויב מען דאַרף שוין אַרויסגיין. זי איז ריידעוודיק, לאַכט און שמועסט אַביסל אומגעדולדיק. איך פרעג זי וואָס זי איז אַזוי פריילעך? וואָס זאָל איך זיין פאַרזאָרגט — ענטפערט זי און שמירט די זעמל מיט מאַרמאַלאַדע.

אַזייגער האלב צוויי גיין מיר אַרויס. מיר זעצן איין אין טראַמוויי. מיר פאָרן. דערנאָך גנב׳ענען מיר זיך אַרויס פון טראַמוויי. אויפן וועג ערקלער איך מיין באָבען ווי אַזוי מיר זאָלן ווייטער האנדלען. פון טראמוויי זאָלן מיר אויסשטייגן באזונדער. די באָבע וועט אַריין אַליין אין דער פאַבריק. איך בלייב אין דרויסן אַכטונג צו געבן. זי וועט פאר נעמען די שפערס, איינזעצן אין ערשטן וואַגאָן אין טראמוויי נומער 14 און אלע זאָלן אויסשטייגן אין עק מעד גאס רוגנעק קאפוצענער. וואָס עפּעס דאָרט? — פרעגט די באָבע

— מיר פאָרן דאָך נאָך זשאָליבורש?

— מיר דארפן פארווישן אונזערע טריט, מען היט אלע פונקטן דורך וועלכע די יידן אנטלויפן פון געטאָ. מיר וועלן אלע אויסשטייגן עק קאָפּוצענער און דאָרט גיין ביז דער היפּאָטעק געביידע, דאָרט וועל איך וואַרטן און אַדורכפירן דורכן טויער ביי דער דאַניאַל גאס ביזן טעאַטער פלאץ, וואו מען וועט קענען מיטן טראמוויי פאָרן נאָך זשאָליבורזש.

די באָבע האָט אויף דעם אַלעם געשאָקלט מיטן קאָפּ, — צו וואָס דאָס אלץ, אַזוי פיל אומשטענדן, עס וועט דאָך אַזוי אויך גוט זיין. — אָבער זי האָט איינגעשטימט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דער פאבריק. די באָבע איז די ערשטע אַרויס פון טראמוויי, איך אַ פּאָר טריט נאָך איר. מיר זענען אין איין גאס אַריין, דערנאָך אין אַ צווייטער. די באָבע איז שטיין געבליבן פאר אַ טויער. אַ ווײַלע איז זי געשטאנען, אַ דריק געגעבן די קלאמקע און איז אריין אינעווייניק.

די גאס איז ליידיק. עמיצער איז אדורכגעגאנגען. ביי איין געוועלב האָבן צוויי באָבעס געשמועסט. עטלעכע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין מיטן גאס. עס גייט אַדורך אַ זשאנדארם און קלאפט הויך מיט די געקאָוועטע שטיוועל. אין וועלכער גאס ווייט איז אַדורכגעגאנגען אַן אָפּטיילונג זעלנער, מען הערט פון ווייטן פּאָפּולערע ווערטער פון אַ דייטש מיליטעריש לידל: האַיל, לוע, העיל, לאי, געזונגען אין צוויי קולות. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט, פינף, צען מינוט.

פון אַ טויער, ווייט פון דער דאָזיקער פאבריק גיין ארויס צוויי יונגע לייט און רעדן, מאכן מיט די הענט. עפּעס אַ מיידל איז אַדורכגעלאָפן דורך דער גאס געיאָגט פון אַ פויערטע. ווייטער זענען אָפּגעלאָפן פינף, צען מינוט. איך האָב מיך אָנגעהויבן צו דערנערווירן. איך האָב מיר געקויפט אַ צייטונג, פּרובירט ל״יענען, אָבער זער ווייניק פארשטאנען. אַמאָל האָט זיך דאָס טירל פון פאבריק טויער געעפנט, עמיצער איז אַרויסגעגאנגען און מער גאָרנישט. נישט ווייט פון מיר איז געשטאנען עמיצער. ער שפּאַצירט, אויף וועמען ווארט ער? איך גיב אכטונג, איך קוק אַריין אין צייטונג, איך בין אומרוהיג. פון דעם פאַבריק טויער פאָרט ארויס אַ דראָזשקע, פאָרט אריבער אין יענעם זייט גאס. אפשר זענען זיי דאָס געפאָרן מיט דער דאָזיגער דראָשקע? אָבער ניין, זיי גיין יעצט אַרויס פון טויער. פאַראויס גייט די באָבע, דערנאָך זיי, נאַכהער



עפּעס אַ יונגע פרוי. איך קוק מיך אַרום, איך זע אין ערגעץ נישט קיין שום חשד. זיי גיין אין יענער זייט גאס, זיי גיין פארביי אויך מיר. מיר מאכן זיך גלייך מיר זען זיך נישט. די יונגע פרוי וואָס גייט מיט זיי קען איך נישט. אירע ציקן זענען בפירוש יידישע. זיי גיין אַריין אין אַ זייטיק געסל צום טראמוויי, איך נאָך זיי. דער פארשווין וואָס איז געשטאנען מיט מיר דאָרט ביים ראָג, גייט אויך. עס לויפט פאַרביי אַ קליין אינגעל און מיט די פינגער אין מויל פייפט ער שטאַרק און שארף. איך קוק מיך ארום, אָבער עס איז רואיק. אַלע גיין מיר ארויס אויף דער כלאָדנע גאס. דאָ איז די גאס באלעבט. אין ביידע זייטן גאס גיין אהין און צוריק פיל מענטשן. מיר דערנענטערן זיך צו דער טראמוויי סטאנציע. עס פאָרן אַדורך פארשידענע וואַגאָנעס ביז עס קומט אָן דער נומער פערצען. איך זע ווי אלע שטייגן איין אין ערשטן וואַגאָן, איך זעלבסט שטייג איין אין צווייטן. איך קירעווע מיך צו דער פלאַטפאָרמע און דאָרט בלייב איך. דורכן פענסטער זע איך דעם ה׳ שפער, ער איז איבער וועמען איבערגעבויגן און שמועסט מיט יענעם. איך פאנג אָן רואיגער צו אָטעמען. ביז יעצט גייט אַלעס כשורה. ערגעץ אויף אַ האלט־שטעלע שטייגן איין אַ צענדליג דייטשע זשאנדארמען. מיט זייער געוויינלעכן דייטשן עזות, שרייען זיי און לאַכן הויך און חוצפהדיג. זיי זענען פארנומען מיט זיך זעלבסט און געבן אויף קיינעם ניט אכטונג. אויף וועלכע סטאנציע שטייגן זיי אויס? ענדלעך קומען מיר צו דער סטאנציע אויף דער מעיד גאס עק קאַפּוצענער גאס.

(המשך קומט)

## אליהו פאלושאק

# בערלין—מאסקווע—ירושלים

(המשך)

4

„צווישן די סקולפּטורן פון געטער און געטינען, וואָס פארווילן זיך דאָרט* ביי נעקטאר און אמבראָזיא (געטערשפּייז א.פ.), זעט איר אַ געטין, כאָטש זי איז אַרומגערינגלט פון פרייד און שפּיל איז זי אָנגעטון אין אַ פּאַנצער, טראָגט אַ העלם אויפן קאָפּ און האלט אַ לאנגן שפּיז אין דער האנט.

„דאָס איז די געטין פון חכמה".

אַזוי שליסט היינריך היינע אָפּ זיין שריפט „צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאנד", געשריבן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אין פראנקרייך פאר די פראנצויזן. ערשט שפּעטער האָט ער דאָס ווערק פארעפענטלעכט אויך אין דייטשלאנד פאר זיינע „ליבע" לאנדסלייט, די דייטשן.

*אויף דעם אָלימפּ אין גריכענלאנד

די אַנטוויקלונג פון די לעצטע הונדערט יאָר האָבן באַוויזן, ווי רעכט היינע איז געווען, ווען ער האָט געוואָרנט די פראַנצויזן, אַז ס'איז נישט קיין חילוק, ווער ס'רעגירט אין דייטשלאַנד, און ווי טראַגיש עס קען זיין פאַר פראַנקרייך, ווען זיי וועלן נישט זיין גענוג באַוואָפנט געגן אַזאַ שונא.

די געשייענישן פון דער לעצטער צייט זענען באמת'דיק אַן אמתע און טרויעריקע לערע, אַז דער קריסטלעכער צלם איז נישט מער געווען, ווי אַ טאַליסמאַן, וואָס האָט געהאַלטן די בלוטדורשטיקע גערמאַנען אין צוים, אַז די „לערע פון ליבע און בארמהאַרציקייט" איז קיינמאָל נישט טיף אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער און נשמות.

אַטילאַ גורט ווידער אָן זיינע לענדן צו אַ נייעם קאַמף, און ער האָט שוין אומעטום פרייוויליקע העלפערס און פאַרבינדעטע. און ווי דער שטייגער איז אין דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט, איז דאָס וואָרט: דאָס געזאָגטע און געדרוקטע — ראַדיאָ און פרעסע דער אַוואַנגאַרד און צוגרייטער אין דער קאַמפּאַניע צו רעהאַביליטירן דייטשלאַנד און דאָס דייטשע פאָלק.

אין ציריך אין דער שווייץ דערשיינט „די וועלטוואָכע", אַן אָנגעזעענע און ווייט פאַרשפּרייטע וועכנטלעכע צייטשריפט, געווידמעט פּאָליטיק, ליטעראַטור און אַלגעמיינע פראַגן מיט דעם אונטערטיטל „אומאָפּהענגיקע שווייצערישע אומשוי". אָט דער דאָזיקער אָרגאַן האָט אין זיין אויסגאַבע פונם 5־טן מאַי 1948 פאַרעפנטלעכט אַ לייטאַרטיקל מיט דעם נאָמען „די טראַגעדיע פונם ציוניזם". דער מחבר האָט דאָך געהאַט אַ באַשטימטע כוונה, קלייבנדיק דעם דאָזיקן טיטל. מן הסתם האָט ער דעמאָלט, צען טעג פאַר דעם אַרויסמאַרש פון דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט פון פּאַלעסטינע געגלויבט, אַז דער געוואַלטיקער כוח פון דער „דעמאָקראַטישער" אַראַבישער ליגע מיט דער הילף פון אַנדערע „פּראָגרעסיווע" כחות וועט פאַרניכטן די ניי־געבורט פון דער יידישער מלוכה. צוויי וואָכן שפּעטער, ד.ה. אַ וואָך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינת ישראל און נאָכדעם, ווי דאָס קליינע מלוכה'לע האָט באַוויזן, אַז עס איז בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם „מעכטיקן" בלאָק פון דעם פּאָליטישן ממזר, וואָס רופט זיך אָן אַראַבישע ליגע, האָט די דערמאָנטע צייטשריפט פאַרעפנטלעכט אַ צווייטן לייטאַרטיקל (אויך געשריבן פונם האַר שעף רעדאַקטאָר), וואָס בלאָזט שוין אַנדערע טענער. די נצחונות פון די איזרעאַליטן האָבן אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און ער סערווירט שוואַרץ אויף ווייס פאַר די גרויסע מחנות לייענער נישט מער איבער דער טראַגעדיע פונם ציוניזם, נאָר וויל ווייזן אַ וועג, וואָס זאָל פירן ירושלים און להבדיל בערלין צוזאַמען קעגן... מאָסקווע.

דער שרייבער נעמט אַרום אַלע דעמאַרשעס, ווענדונגען און דיפּלאָמאַטישע קונץ־שטיקלעך פון די מערב־מלוכות נאָך מאָסקווע, פון מאָסקווע צו זיי, און דעם באַקאַנטן אָפענעם בריוו פון סטאַלין צו דעם פּראָגרעסיוון דעמאָקראַט הענרי וואָלאַס, און קומט צום שלוס, אַז די רוסישע אומרואיקייט איז אַ גוט צייכן. כאָטש זיי, די רוסן, זענען נישט געניייגט נאָכצוגעבן אין קיין שום



פונקט, זענען זיי גרייט צום פאַרהאַנדלען, וואָס באַווייזט, אַז זיי ווילן נישט קיין מלחמה.

איבערגייענדיק צו אַנדערע קאָנפליקט־שוואַנגערע פּראָבלעמען, זאָגט דער אַרטיקל ווייטער, ווען מען וואָלט מיט דריי יאָר צוריק פאַר זייער אונטערגאַנג דערציילט היטלערן און געבעלס, אַז באַלד נאָך זייער טויט וועלן דייטשן און יידן ווערן אויפגערופן, ווען אויך נישט געמיינזאַם, אָבער דאָך פּאַראַלעל (געמיינט איז: אין דער זעלביקער צייט, א.פ.) זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אָנגריפן פון מזרח־פעלקער, וואָלטן זיי דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט.

פאַר די לייענער פון דער דאָזיקער אַרטיקל־סעריע וועט זיין אינטערעסאַנט פאָלגנדיקער אָפּשניט:

„דאָס אייגנאַרטיקע און אין אַ טיפערן זין היסטאָריש באַדייטנדיקע אינם קאַמף קעגן די רוסן פאַר בערלין באַשטייט אין דעם, אַז עס האַנדעלט זיך פיל ווייניקער אין אַ קאַמף פון די אַמעריקאַנער קעגן דעם מזרח, ס'איז מער אַ קאַמף פון די דייטשן פאַר זייער הויפּשטאָט און דעם סימבאָל פון זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ".

ווייטער זאָגט ער, אַז אויסערלעך געזען זענען עס טאַקי די אַמעריקאַנער, וואָס פירן אָן דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער באמת'דיק זיינען עס די דייטשן, וועלכע צווינגען זיי דעם דאָזיקן קאַמף צו פירן. מיט דעם, וואָס די דייטשן וועלן לכל הפחות אידעעל בערלין מאַכן פאַר זייער הויפּשטאָט און אַ סימבאָל פון זייער אייניקייט, קענען זיך די אַמעריקאַנער נישט מער דערלויבן אויפצוגעבן די דייטשע רייכס־הויפּטשטאָט. זיי וואָלטן נאָך געקענט פאַרלירן ביי די דייטשן זייער גאַנצן פּרעסטיזש.

און אַזוי מיינט ער, איז דער קאַמף וועגן בערלין געוואָרן אַ ווייטגייענדיקער קאַמף אַרום דייטשלאַנד און אַן אַנטשיידנדיקע אייראָפּעאישע פּאָזיציע, וועמענס מפּלה עס קען ווערן געפערלעך נישט נאָר פאַר די מערב־מלוכות אין אייראָפּע, נאָר אויך פאַר די פּאָזיציעס פונם מערב אין דער וועלט.*

דאָס זעלבע מיינט דער לייטאַרטיקל־שרייבער פון דער „וועלטוואָכע" גילט אויך, ווען אויך מיט אַנדערע אַספּעקטן, פון ירושלים. מען קען דיסקוטירן, מיינט ער, וויפיל מען וויל איבער די לעגאַלע רעכט פון די יידן אויף ירושלים. „אַ פאַקט בלייבט, אַז קולטורעל און היסטאָריש געהערן די יידן צו אייראָפּע, און, אַזוי אַרום געזען, איז זייער הויפּטשטאָט ירושלים אַן אַנטשיידנדיקע אייראָפּעאישע שטאָט. (זייער פיין און פּאַטעטיש געזאָגט! א. פ.) אויסער דעם האָבן די יידן אַ רעכט צו ווערן געשטיצט אינם קאַמף פאַר זייער הויפּטשטאָט און פאָלקסטום, ווייל דער אייראָפּעאישער מערב האָט בנוגע די יידן אַ גרויסן חוב גוטצומאַכן".

„עס איז נאַטירלעך איינפאַך און ביליק צו זאָגן, אַז נאָר היטלער און די נאַציס זענען שולדיק אין די פאַרטיליקונג פון די יידן אין די לעצטע יאָרן".

*דאָ מוז מען שוין קענען לייענען צווישן די שורות. א.פ.

די הויפּטשולד טרעפט די וואַנזיניקע טעאָריעס, אָבער אייראָפּע און אַמעריקע זענען מיט־שולדיק, ווייל די מערב מלוכות האָבן צו לאַנג געהאַלטן זייערע אויגן געשלאָסן פאַר די היטלעריסטישע געוואַלט פּאָליטיק. זיי האָבן מיט זיי געהאַנדלט און געשלאָסן אָפּמאַכונגען, ווי מיט מערב־אייראָפּעאישע מענטשן מיט גוטע מדות.

איצטער קומט דער מחבר ק.פ.ש. (ראשי תיבות פון קאַרל פאָן שומאַכער) צו קוריאָזע שלוס פאָלגערונגען. ער זאָגט: „דעריבער זענען עס היינט מערב־אייראָפּע און אַמעריקע שולדיק לפני די דייטשן און די יידן צו לייסטן אַן אַנטשיידנדיקן בייטראַג צו דער פאַרטיידיקונג פון זייערע ביידע הויפּטשטעט, און אויך פון זייער פאָלקסטום. ווי שוין געזאָגט, ביים קאַמף פון שטעט, ווי בערלין און ירושלים גייט עס נישט בלויז וועגן דערפילן פאַרפּליכטונגען, וואָס מען האָט קעגנאיבער צוויי פאַר אייראָפּע אַזוי וויכטיקע פעלקער, ווי עס זיינען די דייטשן און די יידן. איבער דעם אַלעם גייט עס וועגן פאַרטיידיקן פון אַנטשיידנדיקע אייראָפּעאישע פּאָזיציעס, וועלכע צו האַלטן איז אַזוי וויכטיק פאַר די וועלט פון היינט, ווי עס איז געווען אינעם 17־טן יאָרהונדערט וויכטיק צו פאַרטיידיקן וויען קעגן דעם אַריינמאַרש פון די טערקן". — און ער מיינט, אַז עס מוז קומען צו אַ טיף־אינערלעכער איבערבעטעניש „צווישן צוויי פונדאַמענטאַל טיף־אייראָפּעאישע פעלקער, ווי עס זיינען די יידן און די דייטשן".

און, פירט ער ווייטער אויס, איז עס היינט לייכטער און מעגלעכער, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. שוין דעמאָלט האָט היינע, דער גרויסער יידיש־דייטשער דיכטער, געוויזן אַ וועג צו דער „גרויסער פאַרשטענדיקונג" אין זיין „איטאַליענישער רייזע".

די דאָזיקע אַרטיקל־סעריע איז נישט קיין פּאָלעמיק קעגן עמיצן אָדער עפּס, נאָר איז אויסן קלאָר און זאַכלעך, מיט פאַקטן און ציטאַטן אין ניכטערן און לאָגיש צו באַווייזן, אַז די שפּאַנונג, אויפרעגונג און היסטעריע איבער דעם קריזיס אין בערלין און מערב־דייטשלאַנד איז נישט מער, ווי אַ קינסטלעך־אויפגעבלאָזענע מאַכינאַציע, וועלכע שטייט אין סתירה צו די אינטערעסן פון אַ פּראָגרעסיוון אייראָפּע. לייענט נאָך אַמאָל די געבראַכטע ציטאַטן פונם לייטאַרטיקל אין דער „וועלטוואָכע", אַז אויסערלעך געזען זענען עס טאַקי די אַמעריקאַנער, וואָס פירן אָן דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער באמת'דיק זענען עס „די דייטשן, וועלכע צווינגען זיי דעם דאָזיקן קאַמף צו פירן". די לאַגע איז היינט אַזעלכע, אַז די זיגער פון נעכטן פאַרלירן אין די אָקופּירטע געביטן פון דייטשלאַנד איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. ס'איז שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז נאַטאַרישע פאַרברעכער ווערן באַגנאַדיקט אָדער זייער שטראָף־צייט ווערט פאַרקירצט. קעגנער פונם געוועזענעם נאַצי־רעזשים האָבן מורא אויפצוטרעטן אַלס עדות אין די געריכטן קעגן אָנגעקלאָגטע נאַציס. היטלערס געטרייעסטע מיטאַרבייטער אין דייטשלאַנדס קאָמפּליצירטער עקאָנאָמיע געפאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער שווער־אינדוסטריע פונם רוהר געביט און רהיינלאַנד. אין דייטשלאַנד לעבט מען היינט אַ גוטן טאָג. אין די



טאַנץ־לאָקאַלן, קאַבאַרעטס און נאַכט־קלובן גיסט זיך שאַמפּאַניער און וויין, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. עס הערשט אָפּטימיזם און האָפנונג אויף דער זייט פון דער עלבע. די פאַרברידערונג מיט די גוטע אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָט דערגרייכט אַ הויכע פּאַטענץ. דייטשלאַנד איז אַ „קריסטלעך און ציוויליזירט לאַנד". צו דער גרויסער יובל־פייער פונם קעלנער דאָם (דער היסטאָרישער קאַטוילישער קאַטעדראַלע) זענען געקומען דעלעגאַציעס פון ענגלאַנד אונטער דער אָנפירונג פונם קאַטוילישן ערצבישאָף, און דייטשע גרופּעס קומען טאָג־טעגלעך אַלס אָפיציעלע געסט קיין ענגלאַנד כלומרשט צו שטודירן די היגע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און דעם ענגלישן לעבנס־שטייגער („דהי אינגליש וועי אָף לייף").

מען לעבט אין דייטשלאַנד אַ גוטן טאָג. אויף דער אָקטאָבער־וויזע אין מינכן ( וואָס איז פיל גרעסער, ווי דער פאַרגעניגונגס פּלאַץ אין העמסטעד היעטה) האָט מען געפייערט צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה דאָס גרויסע אָקטאָבער־פעסט (אַ טראַדיציאָנעלער בייערישער יום־טוב). ביר האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, ווייס־וואורשטלעך האָט מען געמאָסטן מיט מעטער־מאָס, הינער און קאַטשקעס האָט מען געבראָטן אויפן פרייען פעלד אין די טויזנטער. יאָ, עס הערשט אַ האָפנונג און אַן אָפּטימיזם אין דייטשלאַנד.

אָבער פאַרגעסט נישט, אַז היינע האָט בעסער געקענט זיינע דייטשן, ווי די פּראַקטישע אַמעריקאַנער און זייערע קעסט־בחורים. אין דעם שוין ציטירטן ווערק „צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד" געפינען מיר צום סוף אויך דעם פאָלגענדיקן זאַץ: וואָס עס זאָל נישט פאָרקומען אין דייטשלאַנד — עס קען קומען צום רעגירן דער קרוינפּרינץ פון פּרייסן אָדער דער דאָקטאָר ווירטה, — האַלט אייך גרייט, בלייבט רואיק שטיין אויף אייער פּאָסטן מיט דעם געווער אין דער האַנט. איך מיין עס גוט מיט אייך".

האַלט אייך גרייט!...

אָבער ווער? קעגן וועמען? און פאַרוואָס?

(המשך קומט)

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1

# גיבער אַ ווידוי פון אַ מענטש איידער אַ התנצלות פון אַ מחבר

(די נישט געדרוקטע הקדמה פאַר מיין בוך „ירושלים")

(המשך)

2

עס מוז קומען אַ גרויסע דערלעבעניש, אַ געוואַלטיקער צער, וואָס קראַמפּט צוזאַם דעם גאַנצן גוף אין איין גרויס געשווילעכץ און די צוזאַמגענומענע גאַנצקייט וואַקסט אויס אין אַ פּערל אונטערן האַרץ, — דאָס געשעט דאָך נאָך צומאָל ביים מינדסטן און שטומסטן חיהלע אויפן דנאָ פונם תהום! — און ביים מענטש, ביים מדבר, שנירלען זיך די ליפּן דעמלט צונויף מיט פּערלדיקע רייד; און ערשט ווען פון אַ שמחה דאָס מענטשלעכע האַרץ ווערט צוזאַמענגענומען — — —

דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע גייסטלעכע און גייסטיקע שאַפן פונם מענטש, דער גאַנצער „ומותר האדם מין הבהמה"! דאָס קאָנען מיט די אייגענע הענט, — אויפגעהויבענע צו גאָט! — אויפעפענען דאָס אייגענע האַרץ און פּערלווייז אויפציען שנירל נאָך שנירעלע, ווען דער עבר און דער עתיד איז זיך מצמצם אין אַ הוה, צו ווערן אַן אויסדערוויילטע דערפאַרונג!

און דאָס איז מסתמא דער גאַנצער ענין ירושלים, די הייליקייט פון פּיצעלע אָרט דאָרט, פונם מקום קדוש, פון קדשי קדשים, פון לפני ולפנים — פונם אינערלעכסטן פונם אינערלעכן: פונם אויסדערוויילטן!!

אין דער התגלות פון גאָט צום מענטש, אַז גאָט האָט זיך באַוויזן צום מענטש, אַז גאָט האָט גערעדט צום מענטש, דאָס קאָן דאָך דער נישט גלויביקער אָפּלייקענען; דער קלוגער אפיקורס וועט אָפּענטפערן: מאלע וואָס הונדערטער דורות יידן זאָגן עדות, אַז ששים רובו האָבן דאָך אַליין די קולות געזען, ווען גאָט האָט זיין „אנוכי אדוני אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" געזאָגט, זאָגן דאָך איצט שוין הונדערט מיליאָנען קריסטן עדות, אַז גאָט האָט גאָר געבוירן אַ זון — — זיי זיינען דאָך אַליין דערביי געשטאַנען!...

אָבער אַז אין עיר־דוד, אין ירושלים, האָט אַ מענטש גערעדט צו גאָט, האָט אַ האַרץ זיך געעפנט מיט גאָט! די התגלות, דעם מציאות הבורא קאָן קיין שום בן אדם נישט אָפּלייקענען — — מ׳מוז נאָר אויפמישן די תהילים־בלעטלעך און זיי ליינען זיך פון זיך אַליין — דאָס האַרץ צעשרייט זיך צו גאָט! דאָס האַרץ ווערט שטיל מיט גאָט — — —

דעם „לא תרצח" קאָן אַ מענטש אַרויסשניידן פון האַרצן ווי מיט אַ מעסער, דעם „לא תנאף" קאָן ער אויסמעקן מיט זיין אייגן לייב און לעבן צומאָל... אָבער אַ רגע שפּעטער, ווען דאָס האַרץ איינגעהילט אין זיין געוויסן שטעלט זיך אויף די קני ווי אַן אָרעמאַן אויף דער שוועל — — — יאָ, דער „אנוכי תולעת ולא איש — —" איז אפנים פיל טיפער און איבערצייגנדיקער ווי „אנוכי אדוני אלהיך".



און דערפאַר, מסתם, איז דער הר־ציון געהויבענער צומאָל פונם הר־סיני! און נישט נאָר פאַר אונז יידן, פאַר אַלע מענטשן, פאַר אַלע פעלקער...

ירושלים איז דאָס פּיצעלע ערד ווו די געטלעכקייט האָט זיך באַשיינפערלעך ענטפּלעקט, ווו אַ האַרץ האָט זיך מיט ווערטער אויפגעבראָכן אין טויזנט שפּליטער, און זיי זיינען ווי באַפליגלטע מלאכים אין זיבטן הימל אַרויפגעפלויגן — — — אַז נאָך היינט אינם מויל פונם קלוגסטן אפיקורס צומאָל זיינען זיי באַפליגלט און הימליש און געטלעך.

ירושלים איז נישט פּאָליטישע־מעטראָפּאָליע, מאָנאַרכישע רעזידענץ־שטאָט! ירושלים איז די עיר־הבירה אַרום הר־המוריה, וואו מענטש האָט אָנגעהויבןריידן צו גאָט ווי אַ קינד צו זיין לייבלעכן טאַטן — — — די שטאַמלדיקע תהלים־פּסוקים איז דאָס אויסגעשטרעקטע האַרץ צו יענעם ערשטן „אל תשלח ידך אל הנער"!

דער פּאָליטיקער וויל דאָס גרויסע אויסנוצן! וואָרים וואָס וויל נישט אַלץ דער מענטש אויסנוצן! און ווערן דען נישט אַלע קונסט־פאָרמען פאַרנוצט און אויסגענוצט צוזאַמען מיט זייערע שאַפער? און איז דען דאָס נישט געשיכטלעך אמבולטסטן ביי די פּלאַסטישע קונסט גלייך פון איר ענטשטיין אָן, דער געצן־קולט, די העלדן־גלאָריפיצירונג, צי אפילו נאָך די גאָטיק, און דער אָנהויב פונם רענעסאַנס? און ניט קיין סך אַנדערש איז עס געווען און עס איז מיט דער טאָן־קונסט! דאָס ריינע וואָרט, — ניט דאָס פאַרשטיינערט פּלאַסטישע, — ניט דאָס ריטמיש־חושימדיקע, צי שוין גאָר דאָס פּובליציסטיש מאַרשירנדיקע! — דאָס ריין לירישע דאָס בילדלעך־פאַרוואַנדלדיקע; דאָס ריינע וואָרט, וואָס קאָן זיך, צוזאַם מיט צובראָכענעם האַרץ, וואַלגערן ווי אַ וואָרים אין שטויב, צעריסן אין טויזנט שטיקער און באַלד, באותו הרגע אויפליען אין בלויען הימל אַריין, אַ טשאַטע צעוואָרקעטע טויבן; דאָס ריינע וואָרט האָט נאָך קאָן נאָך האָבן אַ שטיקל שייכות צו אור־פאָרעם, צו התגלות.

און די דיכטונג פון היינט מוז זיין ווי די דיכטונג מיט טויזנטער דורות צוריק, — על כל פנים עס שטרעבן צו זיין! — נישט נאָר אַ שפּערישער אויסדרוק, נאָר שפּערישע ווירקונג. דאָס ריינע לירישע וואָרט איז נישט שפּילערישע צייט־פאַרטרייב — עס איז טרייב־קראַפט, עס איז אויפגעדרייטע ספּרונזשינע, עס איז אויפגעוויקלטע עקומילאַטאָר — — —

ווי פאַר טויזנטער יאָרן צוריק דער מכשף האָט זיך אַרומגעדרייט, אַרומגעטאַנצט אַרום דאַמפנדיקן פייער מיט זיינע שפּרוכן, מיט זיינע פּסוקים מגפות צו באַשווערן, ווי דער שלאַנגן־באַצווינגער אַרום די זיך אין דרייען וויקלענדיקע קאָברא־שלאַנג; ווי אין זיין ווילדן התלהבות־טאַנץ דער געטער־און געצן־בעטער, זיי איבערצוריידן, זיי איבערצובעטן, אַזוי מוז דער וואָרטשאַפער פון היינט, פון איצט זיך אַרומדרייען אַרום זיין געדאַנק, אַרום זיין געפיל ביז ער ווערט איינס מיט זיי — נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל גראַם אין גראַם און בילד איבער בילד ביז לעבעדיק־צעצאַפּלטס, ביז ציטערדיק־ווירקנדיקס ווערט באַשאַפן, ווערט פועל־ממש — —

און נישט נאָר מיטן שרייבן, מיט פערטיק שרייבן, מאַנכעס ליד קאָן ערשט אַמאָל פערטיק ווערן מיטן לייענען, מיט עקסטאַז אין וועלכן מען פאַלט אַריין ביים אַדורכליינען, צום הונדערטסטן מאָל פאַר זיך אַליין, — קיין וואָרט, קיין אות דערצו נישט צושרייבן! — און ערשט דעמלט, דערפילן, אַז דאָס געשאַפענע איז פערטיק; יאָ, אַז ס׳ווערט אויסגעפערטיקט.

אַזוי פאַס איך אויף לירישן שאַפן און אַזוי איז מיין צוגאַנג צו מיין געגראַם, — אַזוי איז לכל הפחות מיין שטרעבן דערצו! — אַז נישט וואָלט דאָס איינגאַנצן נישט וויכטיק געווען, אפילו פאַר מיר אַליין....

ביי ליריק איז ניט די פראַגע, אויף וויפל דאָס אָנגעשריבענע איז געלונגען ווי אַ געפאָרעמט ליד, נאָר קודם אויף וויפל איז דעם מחבר גופא געלונגען דערמיט זיך צו ענדערן, זיין געפיל, זיין שטימונג, און אויב דאָס אָנגעשריבענע קאָן אַרויסרופן די זעלבע ווירקונג, די זעלבע פעולה ביים לייענער, און אויף וויפיל — דאָס זיינען שוין די מדריגות צו וואָס איינער איז זוכה!

מיט מיין אַרומדרייען זיך אויף די פאַרזאַמלונגען מיט די פּאָעזיע־„העפטלעך״, לויט דעם עקסטאַז פון מיין זיך אַרומדרייען האָב איך ערשט ריכטיק דערפילט וועלכעס ליד דערינען, — אין די „העפטלעך״, איז אויסגעפערטיקט, און אויף ווי וויית...

און נישט איינמאָל פלעג איך פאַלן פון די פיס, אַהיימקומענדיק און אַ וואָרט פון אַ ליד אַרויס פלעגט מיר גיפטיק סיקען אין פנים אַריין אַ נישט געענדיקטס — —

איך דערמאָן מיך אַ זונטאָג אין 1942, ווען איך האָב אַרויסגעגעבן דאָס העפטל „אין צער״, אינם אָנדענק־טאָג נאָך די קדושים. דער גרויסער עולם האָט אין דער געפּאַקטער דיוקס־פּלייס־שול שוין נישט געקאָנט אַריין, הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן פון דרויסן, אַרום די מויערן, בשעת דרינען, אין שול, זיינען אָנגעגאַנגען די תפילות. איך האָב געהאַלטן דעם פאַרפּאַקטן פּאַק מיט די העפטלעך אונטערן אָרעם און געפילט די אומבאַהאָלפנקייט פון מיין יעדן געשריבענעם וואָרט, ווי אַ טשאַטע טויטע פייגל, געפרוירענע וואָלטן געווען פאַרפּאַקט אין דעם פּאַק און איך האַלט זיי אונטערן אָרעם. די בילדער, דער גראַמען־געדריי, דרייט זיך אַרום מיין האַלדז מיך צו דערשטיקן און מיין האַרץ אַן אויפגעריסענע שפּרענזינע, אַן אָפּגעלאָזטע, אָן יעדן טרייב־קראַפט...

איך זע די גרויסע אותיות, דאָס קעפּל פונם העפטל, „אין צער״! אָבער קען מען עס פאַרפאַסן מיט ווערטער? אַ מענטשלעך האַרץ ווי עס זאָל זיך נישט דרייען, אין זיינע ווונדן, וועלן נאָך די ווערטער נאָר זיין, ווי פון אַ אָנגעדרייטע פלאַטע... איך פיל, איך מוז עפּעס טון — כאָטש זיך אַליין אַ מעשה אָנצוטון! אַ מאַכטלאָז פאָלק אַרומגערינגלט מיט שונאים, אַז זיך אַליין שוין איז דאָס פאָלק אַ שונא, פון לויטער מאַכטלאָזיקייט, פון לויטער אומבאַהאָלפנקייט — — אַז וואָס קאָן שוין אַזאַ אומה ולשון טון?

שטייען דרינען, אין דער שול, טויזנטער מענטשן, וויינען און בעטן,



מאכן „אל מלא רחמימס״, דערמאָנען די נעמען פון זייערע נאָנטסטע; זיי קריצן זיי כאָטש מיט ציין אויפן טאַפל פון זייער האַרץ — — —

ווי אַ הונט וואָס דרייט זיך אַרום אַ מענטש, טאַנצט אַרום אים, האָב איך אָנגעהויבן ארומלויפן אַרום דעם הונדערט קעפּיקן עולם וועלכער איז געשטאַנען ארום די ווענט פון די שול, כסדר אַזוי, אָנאויפהער — — פון דרינען הערן זיך די געוויינען פון די מתפללים, דעם חזנס קול, אין דרויסן אַרום די שול שטייען הונדערטער מענטשן מיטן אויפגעמישטן העפטל און לייענען יידישע ווערטער, יידישע גראַמען. — —

ניין, איך קאָן נישט דערפאַסן און פאַרפאַסן דעם צער, נישט איינפאַסן אים אין שוואַרצסטן ראַם פונם פינסטערסטן גראַם, ס׳קאָן זיך אַ בילד צו בידל נישט מצרף זיין, נישט מצמצם זיין, ווען גאַנץ פאָלק איז צעגלידערט אין איין בלוטיק צעשריבענעם העראָגליף? אָבער זייערע יידישע ווערטער, אַז מען זאָל זיי נישט גאַנץ פאַרגעסן — — אַז זייערע לעפצן זאָל שעפּטשן כאָטש אין זייערע קברים — — ווי אַרום אַן אוהל פון קדושים, אַ „מענה־לשון״־פּאַרקויפער, לויף איך אַרום די פינסטערע מויערן פון די דיוקס־פּלייס־שול...

אַזוי אפשר אויספערטיקן מיין לעבן, אפשר אזוי ארום עפּעס טון בפועל־ממש... איז דאָך יעצט אפשר אַ שעת־הכושר די מענטשן זיינען דאָך דאָ, זיי פילן דאָך אונזער אומקום, זיי שעפּטשן דאָך די ווערטער, די אותיות, פון זייערע טאַטע מאַמעס, זייערע שוועסטער און ברידער — — אויב גאָר נישט מיר קאָנען נישט ראַטעווען, נישט זייערע לעבנס, נישט זייער האָב און גוטס — אָבער זייערע ווערטער, זייערע אותיות, זייער לשון! זאָל דאָך דאָס זיין דער פּרואוושטיין אויב מיר אַליין ווילן איבערהויפּט ראַטעווען. — — — זאָל דאָס זיין דער זכריה־שטיין, פאַר אונז דאָ, ביז דאָס בלוט אונזערס וועט שטיל ווערן — — —

יענע לידער, אָפּקלייבן, אויסוויילן וואָלט דאָך געהייסן אַריינברענגען סדר אין זיין — פרייד! אַז ס׳איז נאָך אַלץ „הלוך ילך ובכה״ טאָ ווי אַזוי „נשא אלומותיו״! עס ליגט דאָך נאָך אונזער מת־מצוה איבער גאַנץ אייראָפּע און זיין רעכט איז נאָך נישט געטון געוואָרן.

אָבער אַז עס זיינען אָנגעקומען די טרייסט וואָכן פון ישראל און די 4־„טרוסט״ וואָכן דעמאָלט אין ישראל, און ירושלים איז געוואָרן אַ שפּיל־באַלעם צווישן פּאָליטיקער און רעפּאָרטער איז דאָס האַרץ געוואָרפן געוואָרן אויף כף־הקלע: אויב פארן ציוניסט, פארן מערב־ייד קאָן מען ארץ ישראל אויסוועקסלען אויף אוגאַנדע, קאָנען דאָך נאָך יינגע ישראל־בירגער אויסטוישן ירושלים אויף תל־אביב, און דעם הר המוריה אויפן הר־הזיתים? אָ, די ספקות פון אַ מזרח־ייד, אַן אַרויסגעטריבענעם שוין פון גלות, נאָך אַרויסגעטריבן פון ירושלים? דעם לעצטן טראָט אונטער זיין וואַקלנדיקן פוס! דעם „אני במערב ולבי במזרח״ קאָן דאָך אַן אָסט־יוד נישט אַפילו זאָגן, וואָרים ווען איז אַ מזרח ייד נישט געווען אין ירושלים?

פונם „מודה אני“ אינדערפרי ביז צו קריאת שמע לייענען פאַרן שלאָפן גיין; אַ באַלאָן אויף אַ שנירל, צעפינקלט מיט דער גאַנצער וועלט; אָפּגעריסן אין הימל אַריין אַרויפצופליען, און עס גיט אַ פּלאַץ, אַז דאָס האַרץ רייסט זיך מיט אָפּ — — אַזוי טאָג און נאַכט אונזערע זעעוודיקע אויגעלעך מיט ירושלים! און ערשט דערוואַקסענע — די תפילות, דער תנ״ך, די גמרא, אַלע ספרים פול מיט ירושלים.

פונקט ווי דאָס תהלימ׳ל איז געווען דער „כל־בו“ פון די שול, פון בית מדרש פון דער שטוב, אויף שמחות און אויף לייד — מיט אַ קאַפּיטל האָבן מאַמעס איינגעריסן ס׳ארון קודש און גערעדט מיט גאָט, מיט זייערע נאָנטסטע פונם עולם האמת, פונקט אַזוי איז ירושלים געווען אונזער אַלץ: די אַסאָציאַציע פון אונזער געוועזן און פון אונזער זיין, פון אונזער געאייביקטקייט אין התגלות — — —

אַ ווינדמיל, אַ פּראָפּעלער, אַ גליענדיקע „חרב המתהפכת“ איז דאָס וואָרט ירושלים! — אַ פליענדיקע פויגל אין לופט, אַן אָדלער אין הימל, זיין יעדעס אות — — אָבער קאָן מען עס דען דערפאַסן מיט ווערטער, מיט גראַמען? און ווען די ווערטער זאָלן זיין ווי די פלינקסטע פיילן, און די גראַמען די קרייזנדיקסטע לאַסאָס?

קאָן מען דען אַ פליענדיק וואונדער מיט די אויגן פעסטהאַלטן? אָבער איז עס דען נישט אָנגעזאַפּט מיט אונזער בלוט פון טויזנטער יאָרן? און אַז מיר פאַרלירן אונזער ירושלים של מעלה זיינען מיר דאָך פאַרלוירן, איז דאָך די גאַנצע וועלט מיט אונז מיט פאַרלוירן — —

די לעצטע פון די לעצטע, די איינציקע פון אונזערע געבליבענע, ווי די לייבן קעמפן זיי, ווי די אָדלערס מיט די קעפּ הויך אין די הימלען, ,זעען זיי יעדע רגע די וואונדערלעכסטע נסים — און איז דאָס אַלץ דען נאָר פאַר נאָך אַ מילבן־מלוכהלע צווישן די וועלף־און לייבן־מלוכות? איז דאָס די טויזנט יאָריקע התגלות געלייטערט מיט גלות?

אָבער וואָס קאָן מען דען עפּעס אַנדערש טון, אין גרעסטן צער אַרומגענומען, אין גרעסטער שמחה, אין גרעסטער פאַרצווייפלונג? און ערשט ווען די דאָזיקע דריי־אייניקייט נעמט איינעם אַרום? אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָר אין זיך, נעמט זיך צוזאַם צום אויסדרוק, אַלץ וואָס מ׳האָט אין זיך סדרט זיך, צום נויטווענדיקסטן, צום סימעטרישסטן — —

מיט מיין בוך „ירושלים“ האָב איך מיט מיינע שוואַכע הענט, — אויף וויפיל זיי קענען! — געוואָלט דערלאַנגען אין די גלגלים אַריין צו יענעם „ירושלים של מעלה“, וואָס האָט געהאָנגען איבער יעדן פון אונזערע שטעטלעך, אויף אונזערע וועגעלעך מיט שוואַכע רעדעלעך האָבן מיר עס דאָך געפירט דורך אונזערע געסלעך, ווען מיר זיינען קינדער געווען, מיט גלויביקע גרויסע קינדער אויגן.

און אפשר איז מיר געלונגען עפּעס, אַ טראָפּן פונם ים, פון דעם ים יידישע שטעטלעך, אַוועקגעשוואומענע אין טייכן פון בלוט, די קדושה זייערע אַרויפּ־



צעברענגען, אַז ירושלים זאָל באמת בלייבן די עיר הקודש, נישט אַ פּאָליטיש־„האָלי־לענד“, פון הוילע סטראַטעגיע.

ווי איילן זיך דאָס שוין מאַנכע אויבערפלעכלעכע ציונים, דעם גאַנצן גלות, כהרף עין, צו ליקווידירן, אַז ס׳זאָל נישט בלייבן קיין שריד ופליט — ווער ווייסט, אפשר געהער ביי זיי אויך שוין אַלט־ירושלים צום גלות, ירושלים איז דאָך סאַמע יידישקייט!....

און דאָס איז מיין בוך ירושלים! דער זאַק שמות אונטער מיין טיש, די הונדערטער לידער און גראַמען, — מיינע אייגענע עצמות היבשות, מיינע אברים המדולדלים, מיין נשמה ערטלאית האָבן זיך אָנגעהויבן אָרדענען, צוזאַמען זוכן, יעדער צו זיין מין, ווי אַ מאַגנעט אונטערן שניידערס טיש וואָס זוכט אויף די נאָדלען; יעדעס נעדעלע, יעדעס שפּילקעלע נעמט זיך קייקלען און דרייען ביז אַלע זיינען צוזאַמענגענומען.

* * *

יעדער אויף זיין אופן, אין זיין אַרבעט דערלעבט די נבואה ווען זי ווערט מקוים, ווערט דאָך אַ לעבעדיק געוואָרענער ביין צווישן די עצמות היבשות, מ׳איז נישט מער קיין אבר המדולדל. עס הערט אויף יעדעס קליינטשיקע פּיטשעדיקע, יעדעס געדריוול, מען ווערט אַ פּעדעמל „אינם געוועב וואָס גייט אונטערן נאָמען ייד“.

מיין בוך „ירושלים“ איז דער 4־טער חלק פון „אויפגעבראָכענע יאָרן“.

1. „מלחמה“.
2. „געטאָ מויער און שטאַכל־דראָט“.
3. „ימים נוראים יום טובים“.
4. „אויפן וועג שטייט אַ בוים“.
5. „ירושלים“.

די אַנדערע פיר טיילן וועלן אפשר אויך נאָך אַמאָל געדרוקט ווערן.

על כל פנים מיט זיי ווייניקסטנס קאָן שוין נישט געשען דאָס, וואָס ס׳איז געשען מיט מיינע מיטגעבראַכטע כתבים פון בערלין. די קוים אָפּגעקליבענע און אַהערגעבראַכטע ליבע לידער און די צוויי נישט געדרוקטע טיילן פון „מזל טלה“ און „פונדערהיים“ זיינען דאָ פאַרברענט געוואָרן אין „בליץ“. די פיר טיילן פון בוך „אויפגעבראָכענע יאָרן“ בלייבן דאָך לכל הפחות געדרוקט אין די „העפטלעך“.

אויך וועלן זיך מיינע עסייען געדרוקט אין „העפטל“ און אין „לשון און לעבן“, לייכט אַמאָל קענען אויסדרן, ווייל עס איז מיר דאָך געלונגען דאָס ערשטע בוך „יידיש“ נאָך אַרויסצוגעבן אין אַ זאַמלונג (1942).

דער מאמר החכם „הסדר היא חצי המלאכה“, איז באמת זייער אַ קלוג וואָרט, אָבער זאָל מיר נאָר דערווייל געגעבן זיין, אָנצוגיין מיט דער ערשטער העלפט פון מיין מלאכה. — די ערשטע העלפט קאָן דאָך זיכער נישט געטון ווערן פון אַן אַנדערן, — דאָס מוז מען שוין אַליין טון! די אַנדערע העלפט, אַז מען איז זוכה, איז זי „נעשה על ידי אחרים“.

ש.

## יוסף הלל לעווי

# רבי אמנון

(המשך)

11

אויף איינמאָל עס האָט זיך די אידעלע שוועסטער
פֿון מאַכטיקן הגמון ביים צדיק באַוויזן,
געבעטן מיט רחמים אים האַרציק און שטיל:
מיין מייסטער, איר זייט דאָך אין חכמה דער גרעסטער!
נעמט צו פֿון אייער פריינדין דאָס בינטל נאַרציזן,
און הערט אויס מיין האַר וואָס איי׳ר דינערין וויל...

רבי אמנון געעפֿנט האָט פֿרום זיינע אויגן,
געוואָרן ער איז פֿאַר אַ ווײַלע נשתומם,
געפֿיבערט האָט שטום אויף איר שיינקייט זיין בליק...
מיין פריינט, אָ עס האָט מיך איי׳ר אומגליק באַוויגן,
ניטאָ איצט קיין צייט זיך צושפּילן אין טרוימען,
ווייל יעדערע רגע קאָן קאָסטן איי׳ר גליק...

צי זייט איר דען אידעלע מאגדא געקומען,
די לעצטע מינוטן פֿון פֿרייקייט מיר רויבן,
וואָס זענען ביי מיר נאָך פאַרבליבן געציילט?
איך דאַנק אייך פֿון האַרץ פֿאַר די פריינדלעכע בלומען,
איך מוז אייער חסד באמת נאָר לויבן,
וואָס איצט נאָך די שוועסטער פֿון פירשט ביי מיר ווײַלט!

זייט וויסן איך בין פֿון אַ העכער פֿאַרלאַנגען —
געקומען בשתיקה אַהער דאָ געטריבן,
באַוויגן פֿון אמתער פריינדשאַפֿט צו אייך...
איך קאָן דאָך ניט צוזען ווי מ׳האָט אייך געפֿאַנגען,
באַקערט אייך צום מענטש־גאָט — די מענטשן צו ליבן —
וואָס ער איז געגאַנגען אין אייביקן רייך...

איר מעגט איי׳ר אמונה גאַנץ רואיק פֿאַרבייטן,
ווייל סיי־ווי זי וועט דאָך ניט אויפֿהערן וועבן —
זיך ווייטער געהיימער אין קריסטנטום איין...
און דאָרטן מיט אייך וועט אויף אייביק זי לעבן,
אַריבער די אַלע פֿאַרבלוטיקטע צייטן,
ביז ווערן די מענטשהייט ווי קריסטוס וועט ריין...



מיין טייערע מאַגדאַ, איך ווייס אַז איי׳ר ווילן
און איי׳ר כוונה איז ערלעך און לויטער,
זי לאָזט אויף איי׳ר גוטסקייט ניט צ׳ריק גאָר קיין חשד, —
אָבער ווי קאָן מען אַ ווונטש דען דערפֿילן,
ווען זיין הייסט דער ווונטש שוין ביים לעבן אַ טויטער,
פֿאַרבייטן דעם אמת, אויף שקרן שמד!...

איר ווייסט איך בין תמיד געוואָרן געפֿאַנגען,
פֿון העכערע, בעסערע, מענטשנפֿאַרלאַנגען,
ווען כ׳האָב איי׳ר עניוות די גרויסע געזען;
אָבער איר טאָרט פֿון איי׳ר פֿאָלק ניט דאָס לעבן
אויף ווייטער אַוועק פֿאַר דעם גלויבן אָפּגעבן,
און לאָזן אַז תמיד זאָל שלעכטס אים געשען...

איך ווייס אַז דערצו דאַרף מען האָבן גבורה —
אויף עפּעס צו זאָגן, און זיך ניט אָפּזאָגן —
פֿון אייגענעם פֿאָלק און פֿון אייגענעם גאָט;
נאָר גלויבט ניט מיין חכם אַז דאָס וועט זיין כפירה,
ווען איר וועט באַפֿרייען איי׳ר פֿאָלק פֿון די פּלאָגן,
פֿון אייביקער וואַנדערשאַפֿט, טויט און פֿון שפּאָט...

אַ פֿאָלק קאָן ניט ווערן דערלייזט ווען ס׳נעמט איבער —
אַן אַנדערנס גלויבן, וואָס אַנד׳רע איז ליבער,
אַליין ווערט עס בטל און לעבט נאָר אין זכות:
פֿון יענע וואָס ווילן מיט אים זיך פֿאַרבינדן,
כדי ער זאָל ווערן אויף אייביק פֿאַרשווינדן,
צי איז דאָס ניט פּירשטין אַ טרויעריקער שטות?!

מיין פֿאָלק האָט אַ ליכטיקע מיסיע — זיין גלויבן —
געהייליקט פֿון יושר און רעכט צו פֿאַרשפּרייטן,
פֿאַרנעמען די גרעסטע יסורים און פּיין!
אים שרעקט ניט דער גרויזאַמסטער טויט פֿון די צייטן,
און וויל מען דעם אמת ביים לעבן אים רויבן,
דאַן שענקט ער אַוועק אייך דאָס גליקלעכסטע זיין...

אָ מייסטער, — איך קאָן ניט דעם שוואַרצן געדאַנקן,
געהיים אין דער טיף פֿון מיין האַרצן פֿאַרנעמען,
אַז איך זאָל פֿאַרשלינגען פֿון ליידן דאָס רייך;
פֿאַרשענקט ניט די שאַרף פֿונעם מעסער דעם בלאַנקן,
איי׳ר לעבן דאָס גרויסע — פֿאַרמיידט דעם גיהנום,
איך ליב זי די חכמה און ריינקייט אין אייך...

(המשך קומט)

# ש. האַלקין (מאָסקווע)

## סאָוויעטישע ליריקער

### וועגן איציק פעפערס ניי־דערשינענעם בוך לידער „אפסניי"

שרייבן וועגן איציק פעפער׳ן איז מיר, אין אַ געוויסער הינזיכט, פונקט אַזוי שווער, ווי שרייבן וועגן זיך — ביידע לעבן מיר אויף דער זעלבער ערד, אין דער זעלבער צייט און אָטעמען מיט דער זעלבער לופט. מיר זיינען פון איין דור. מיר זיינען אָבער פארשידענע דיכטער, און דאָס גיט מיר די מעגלעכקייטן צו רעדן וועגן זיין שאפן אָביעקטיוו.

שוין אַליין דער נאָמען פונעם בוך „אויפסניי" — רעדט וועגן דעם ווי אַזוי, מיר אין אונזער סאָוויעטיש לאנד, — נאָך די שרעקלעכע חורבנות און אומגליקן, וואָס דער דייטשער פאַשיזם האָט אונז אָנגעבונדן מיט זיין פלוצימדיקן אַריינרייסן זיך, מיטן צייטווייליקן מאָרדעווען אונזער ערד, — ווי אַזוי מיר אין אונזער לאנד ווערן, נאָך אָט דעם אלעמען, אויפסניי אויפגעריכט. אָט די זער וויכטיקע און ווירדיקע טעמע איז דער תוך און דער גרונד פון פעפער׳ס נייעם בוך.

לכתחילה האָב איך געהאט אין זינען, אַרויסצוזאָגן שריפטלעך מיין איינדרוק נאָר פונעם בוך „אפסניי". אַז איך בין אָבער צוגעטראָטן צום ענין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז אונמעגלעך.

שרייבן וועגן אַ בוך פון אַ באַדייטנדיקן דיכטער, אָפגעריסן, אָן אַ צוזאַמענהאנג מיט דעם, וואָס דער דיכטער שטעלט מיט זיך פאָר אין גאנצן גענומען, וואָלט געווען אין גרונט ניט ריכטיק, איבערהויפט ביי אַזאַ דיכטער, ווי פעפער, וועלכער רופט זיך אָפּ אויף פארשידענע דערשיינונגען איינצייטיק, אַז אָפט איז שווער צו לייגן אַ שוועל צווישן איין בוך און צווייטן; אַ דיכטער, ביי וועמען דער אָנרעגונגס־קרייז, דער קרייז אינטערעסן איז אַן אויסגעברייטערטער, אַ דיכטער, ביי וועמען רעאַגירן אָפט געזעענעם, געהערטן, דערפילטן איז ממש אַ רעפלעקס, וואָס ווייט ניט יעדערן איז דאָס געגעבן; אַ דיכטער, ביי וועמען דאָס שרייבן איז אַ געבענטשטע נויטווענדיקייט, אַ זאך פון כאראקטער, — שרייבן וועגן אים, וועגן פעפער׳ן פראגמענטאריש וואָלט געווען צוויי מאָל פאלש.

דעריבער הויב איך אָן אַ ביסעלע פון פריער.

ווי באַוואוסט, איז פעפער געקומען אין דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור מיט זער אַ וויכטיקער, פרינציפיעלער איינשטעלונג, וועלכע ער האָט פראָקלאַמירט, ווי „פראָסטע רייד", „פראָסטע טריט". איך בין מסופק, צי דער דאָזיקער לאָזונג איז שוין דעמאָלט געקומען ווי אַ ניכטער־דורכגעטראכטע פראָגראַם פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ערשט אָנגעהויבענער סאָוויעטישער יידישער פאָעזיע. גיכער פון אַלץ איז עס געווען אַ מאניפעסטאציע פון אַ יונגן סאָוויעטישן פאָעט „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך". דאָס איז געווען מער פלאטערדיקע פאָן, ווי צעמענטירטער פונדא־



מענט; מער דיכטערישער „אני מאמין" ווי גוט צעאַקערטער, צום זייען צוגעגרייטער באָדן.

אַמאָל טו איך אַ קלער: פון וואַנען האָט זיך ביי אַזאַ יונגן דיכטער, ווי פעפער איז דאן געווען, גענומען די דרייסטקייט, איך וואָלט אַפילו געזאָגט די „העזה", צו וואַרפן אָט דעם לאָזונג „פראָסטע רייד". ערשטנס, האָט ער שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז אָט די פראָסטקייט איז גאָרניט אַזוי פראָסט און, צווייטנס, אויב פראָסטקייט ממש, ניט קאָמפליצירטקייט, פארשטענדלעכקייט, זיינען דאָך פאָעטן, וועלכע האָבן געשריבן מיט אָט דער פשטות, געווען ביז אים אויך. איז וואָס־זשע האָט ער דאָ מחדש געווען? און די צייט איז דעמאָלט געווען אַזאַ, און אונזער לאנד איז געווען און געבליבן אַזאַ, אַז די פראַקטיק פון שפילן זיך מיט לאָזונגען סתם איז ביי אונז ניט באַזונדערס פאָפולער. וואָס־זשע האָט אים, דעם יונגן דיכטער, אונטערגעזאָגט און געגעבן מוט צו פראָקלאַמירן דעם לאָזונג?

איך וואָלט אויף דעם אַזוי געענטפערט:

גראד די צייט, גראָד דאָס אָרט.

פאר אַ היפשע טייל יידישער אינטעליגענץ, און צווישן דעם אויך פאר אַ טייל שרייבער, איז יענע צייט געווען אַ קאָמפליצירטע — אַ צייט פון איבערברוך; פון איבערגיין אויף נייע רעלסן; פון אַריינגיסן זיך מיט לייב און לעבן אין דער בויאונג פונעם סאָוויעטישן לאַנד; אַ צייט פון אָרגאנישן באַהעפטן זיך מיטן לעניניש, רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם און אלע ווערטן איבערשאצן אין אָט דעם שיין; אַ צייט פון איבערגעבורט פאר אַ טייל אינטעליגענץ, און פארן גאנצן פאָלק — אַ צייט פון ווידער־אויפלעבונג, — אָט די זער קאָמפליצירטע צייט האָט דיקטירט אים, פעפער׳ן, וועלכער האָט ווייניקער פון אַ סך אַנדערע געהאט צו טאָן מיט די אינערלעכע בראָכן און נאָכווייענישן. אַז ער, דער נייער סאָוויעטישער דיכטער, זאָל וואַרפן די רעטונגס־ברעט אינעם טונקעלן געווירבל פון געפילן און פאָרגעפילן: פראָסטע רייד. די, וואָס האָבן אָן דער ברעט זיך אָנגעכאַפט, האָבן פארשטאנען בחוש, אַז פראָסטע רייד באַטייט: פאר אן אָפן הארץ — אַן אויסגעשפרייטע האנט, און פאר אויסגעשפרייטע אָרעמס — אַן אָפן הארץ. און נאָך אַ טייטש: אין אַזאַ צייט, אויף אַזאַ אָרט, אין אזא לאנד איז ניטאָ קיין אָרט פאר צווייִדייטיקייט. הלנו אתה אם לצרנו? — מיט אונז ביסטו, אָדער מיט אונזערע פיינט? אָפענע דיבורים, פראָסטע רייד. אויף אַ סך, אַ סך, וויסנדיק צי ניט וויסנדיק, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, האָט אָט די פאָדערונג — פראָסטע רייד — געהאט אַ ווירקונג, ערגעץ טיף אין הארצן האָט זיך אויפגעעפנט נאָך אַ טירל, דורך וואַנען ס׳איז אַריין נאָך אַ שטראל פונעם נייעם לעבן. און געשען איז דאָס דערפאר, ווייל געזאָגט האָט עס ניט נאָר פעפער, נאָר דורך פעפער׳ן האָט אַרויסגערעדט די צייט.

אַ צווייטע פראגע שטעל איך זיך אַמאָל: מיט וואָס האָט פעפער זוכה געווען צו ווערן אַזוי פאָפולער און באליבט? ענטפערן אָט דער דאָזיקער

פראַגע מיט אַמאָל און אויסשעפּנדיק איז זער שווער. סיבות זיינען דאָ אַ סך. נאָר איניקע פון זיי וועלן מיר פּרואוון אָנרופן. פּעפּער אַלס דיכטער געפינט זיך שטענדיק אין אַן אַטמאָספער. ער פילט שטענדיק פאר זיך און אַרום זיך זיין לייענער — ער זעט אים, ער פילט אים, זיין אדרעסאט, — סיי זיין פריינט און סיי זיין קעגנער. אין ביידע פאלן שאַפט דער דיכטער אַ באָדן, וואו ער און זיין פאַרטנער זאָלן קאָנען באַהאָרכאָוועדיק (מיט אַ פריינט) אָדער פנים אל פנים (מיט אַ שונא) זיך באגעגענען. און אויך אין יענע פאלן ווען פּעפּער צילט פון דער ווייטנס, ווייסט ער, ווי ווייט פון אים זיין ציל געפינט זיך.

אָט דער קאנטאקט איז איינע פון די סבות פון פּעפּערס פּאָפּולערקייט, און שוין אין אָט דעם קאָנטאקט ליגט אַ שטיק פון פּעפּערס טאלאנט.

אַ צווייטע סבה, אָדער לאמיר זאָגן, — אַ צווייטע באגאבונג איציק פּעפּערס: ער קריכט ניט אָפּ קיין שטאָלצן: טאָמער וועט ער אויסזען העכער, ער מעסט ניט אן קיין פרעמדע קרוין: טאָמער וועט ער אויסזען שענער. ער זאָגט: אזא בין איך, אזא גאנג האָב איך און האָט מיך ליב אזא, ווי איך בין, און דער עולם, וואָס איז פילבאר צו דעם מינדסטן אויסגעקרימטן גאנג און איז שטארק ברוגז פאר אומנאטירלעכקייט, — אָט דער לייענער זאָגט צו זיין דיכטער: דו ביסט אונז ליב ניט נאר דערפאר, ווייל דו ביסט אזא, ווי דו ביסט, נאָר מער נאָך דערפאר, ווייל מ י ר זענען אזעלכע, ווי דו. אין דיין מסיבה איז אונז היימלעך. עס זענען דאָך פאראן פּאָעטן, פאר וועלכע מיר טרעטן אָפּ אַהינטער, דערזענדיק זיי, פּאָעטן, וועלכע מיר אנערקענען נאָר צוליב דעם עיגל, וואָס אַרום זיי האָט זיך געשאַפן. מיר קוקן אויף זיי, מיר חדושן זיך אַמאָל, אָפּט בלייבן מיר אַפילו געפּלעפט. אונז איז אָבער קיינמאָל ניט גוט מיט זיי, אין זייער מסיבה פילן מיר זיך אומהיימלעך. און אַריבערטרעטן דעם קרייז לאָזט מען אונז ניט, ווייל אפשר וואלטן מיר דעמאָלט דערזען, אַז א עיגל איז קיין עיגל ניט, אַז דאָס איז נאָר דער שאָטן, וואָס פאלט פונם דיכטערס קרוין, וואָס ניט מיר (דאָס פאָלק) האָבן אים אָנגעטאָן.

און א דריטע סבה: לעבנס־לוסט. אָפּטימיזם. איין מענטש, אַ יחיד קאָן אַמאָל זיין טרויעריק, פאר׳מרה׳שחורה׳ט, פּעסימיסטיש, אַ פאָלק — קיינמאָל ניט. ווי טראגיש זיין לאגע זאָל נישט זיין, ווערט שוין אַליין דער קאָלעקטיווער צער אַ קוואַל פון טרייסט, אַ בארג פאר העראָאיק און אָפּט — דער כוח, וואָס טראגט אין זיך די אויסלייזונג. פּעפּער, ווי געזאָגט, געפינט זיך שטענדיק אין דער אטמאָספער פון פאָלק און פון פארברידערטע פעלקער, דעריבער איז זיין גרונט־שטריך אָפּטימיזם. און אָט דער כאראקטער־שטריך פון זיין דיכטונג מאכט אים באליבט און פּאָפּולער ביי דעם לייענער, וואָס איז אַליין דאָס פאָלק. דער וועג צווישן זיי איז שטענדיק אַ באַלויכטענער, אַ באַלעבטער. דעריבער איז כדאַי אָפּצורוימען פון דעם דאָזיקן וועג אַ באגריף, וואָס אָפּט באָט ער זיך אָן פאר א גאנץ נאָענטן מחותן מיט אָפּטימיזם, ביי דער ערשטער באקאנטשאפט רופט ער זיך אָן זאָרגלאָזיקייט, און ביי דער



צווייטער — לייכטזיניק. ווי ווייט און ווי קעגנעריש־פרעמד אָט די צוויי באַגריפן זענען צווישן זיך, איז איבעריק צו דערקלערן. פונדעסטוועגן ווילט זיך מיר אוועקלייגן נאָך אַ שטיין אויף זיי אָפּצוגרענעצן.

(המשך קומט)

## דער ערעפנונגס רעדע פונם טשעכאסלאוואקישן אמבאסאדאר דר. באהוסלאוו קראטאכוויל

(די צייכנונג אויסשטעלונג פון בעדריך פריטא אין בן אורי)

קודם כל באטראכט איך פאר מיין חוב אויסצודריקן מיין אויפריכטיקן דאנק צו די דירעקטאָרן פון בן אורי קונסט גאלעריע וועלכע האָבן דערמעגליכט די אָרגאניזירונג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג פון פריטא׳ס צייכנונגען.

די דאָזיקע צייכנונגען בילדן אַן איינציק־אַרטיקן קאָמפּלעט פון קינסטלערישע דאָקומענטן, וואָס אילוסטרירן דעם שטייגער לעבן וואָס עס האָבן געפירט די, וועמען די דייטשן האָבן געהאלטן אין קאָנצענטראציע לאגער פון טרעזשין, בעת דעם לעצטן קריג.

דאָ, האָף איך, וועט איר מיר ערלויבן בקיצור צו דערקלערן אַז טערעזשין איז אַ פעסטונג שטאָדט וואָס איז געבויט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונם 18־טן יאָהונדערט דורך די עסטרייכישע מיליטערישע אויטאָריטעטן, וועלכע האָבן איר אַ נאָמען געגעבן נאָך דער קייזערינע מאריא טערעזיא. פאר דער לעצטער מלחמה האָבן זיך דאָרט געפונען קוים מער פון 3,500 ציווילע איינוואוינער. אין הארבסט 1941 האָבן די דייטשן פארוואנדלט טערעזשין אין אַ סאָרט רעקרוטירונגס לאגער, דורך וועלכן עס זענען אַדורכגעגאנגען מער ווי 150,000 יידן פון גאנץ אייראָפּע.

דאָרט זענען די ארעסטירטע כסדר געוואָרן אויסגעסאָרטירט און פון זיי איז פאָרמירט געוואָרן גרופּעס וואָס זענען פארשיקט געוואָרן ערגעץ־וואו אַנדערש, אַזוי אַז טערעזשין איז אין דער אמתן געוואָרן אַ סטאנציע פאר דער רייזע צום טויט. די פארהאלטענע האָבן דאָרט פארבראכט זייער צייט וואַרטנדיק אויף זייער אָפּפאָר, געזעגנענדיק זיך מיט זייערע פאמיליעס, ווייל די דייטשן האָבען דערויף מקפיד געווען אַז פאמיליעס זאָלן ווערן סעפּאַרירט איינער פונם אנדערן. די דאָזיקע פאמיליעס זענען טיילמאָל געטריבן געוואָרן צו יאוש און טיילמאָל צו האָפנונג פאר אזעלכעס וואָס זיי האָבן געוואוסט אַז עס איז נישט מעגלעך.

פונדעסטוועגן, אין מיטן פון דער אויסזיכטלאָזער לאגע און ברודיקייט האָבן זיך דאָך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געווידמעט דער קונסט. ביכער זענען אדורך מיד־ליד, רעפעראטן זענען געהאלטן געוואָרן אין פיל שפּראַכן,

פאָעזיע איז געוואָרן רעציטירט, מוזיק קולטיווירט, פיעסן געשפילט — באַהאַלטענערהייט אויף בוידעמער.

פון די טשעכישע יידן, וואָס זענען געהאלטן געוואָרן אין טערעזשין, וואָלט איך געוואָלט דערמאָנען קארעל פאלאטשעק, איינער פון אונזערע בעסטע שרייבערס, זוסלאנד, אַן אַקטיאָר, אונגאר, אַ מאלער, ערנאַסט קראוס, אַ פראָפעסאָר פון דער פראגער אוניוועזיטעט, וועלכער, אגב, איז געווען אַ פירנדיקע אויטאָריטעט בנוגע דייטשער ליטעראַטור, צוויי אָרקעסטער דיריגענטן, קארעל אנצערל און רפאל שעכטער, גידעון קליין, אַ יונגער קאָמפאָניסט, און אַ סך אנדערע. ס׳רוב פון די דערמאָנטע זענען איצט טויט. עס זענען אויך נישט מער ביים לעבן די טאלאנטירטע יונגע פאָעטן ארטן און באַן.

דעם מאלער בעדריך פריטא האָט מען גענומען קיין טרעזשין אין דעצעמבער, 1941. באלד האָט ער אין געהיים אָנגעהויבן מאכן גראפישע פארצייכנונגען פון דעם לעבן, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך. אין יולי, 1941, איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, וואו ער איז אומגעקומען אין די דאָרטיקע גאז־קאַמערן אין נאָוועמבער דאָס זעלבע יאָר.

זיין פרוי איז איינגעזעצט געוואָרן אין אַ תפיסה־קעלער, וואו זי איז געשטאָרבן נאָך דעם ווי זי האָט פארלוירן די ראיה און אַראָפּ פון זינען. מיט איר אין דער תפיסה האָט זיך געפונען איר 3־יאָריקער זון, פאר אַ צייט פון צען חדשים; שפעטער נאָך דער מלחמה האָט אים אַ פריינט פון דער פאַמיליע גענומען צו זיך.

די צייכנונגען וואָס פריטא האָט געמאַכט אין טערעזשין־געטאָ זענען געראטעוועט געוואָרן דורך פריינט, וועלכע האָבן זיי דאָרט פארקאפעט, און אַזוי אַרום דערמעגלעכט זיי צו אנטפלעקן פאר דער וועלט אלס וואָרנונג.

אויב איך זאָג וואָרנונג, פארטראָגן מיך מיינע געדאנקען העט־ווייט צוריק. מיינע פריינט, מענטשן וואָס איך האָב געקאָנט און אַזעלכע וואָס זענען געווען פרעמדע צו מיר, אָבער אלע זענען זיי געווען היטלערס קרבנות, און אַלס אַזעלכע פאַרדינען זיי מען זאָל פון זיי אַ טראַכט טון.

עס האנדלט זיך דאָ אין אַ מאסע מענטשן וואָס ציילן זיך אין די מיליאָנען, פרויען און מענער, וועמענס הויפט זאָרג אין לעבן איז געווען זייערע פאמיליעס און די דערציאונג פון זייערע קינדער אלס נוצלעכע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. זיי האָבן איינגעשלאָסן באַאַמטע און בעלי־מלאכות, דאָקטוירים, וואָס זענען געווען גרייט צו העלפן טאָג און נאכט, געלערנטע וואָס האָבן זיך באמיט צו פארשפרייטן אמת, קינסטלער וועמענס ציל איז געווען צוצוגעבן שיינקייט צום לעבן. קינדער וועלכע האָבן געחלומט וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט — אַלע סאָרטן מענטשן, זאָרגלאָזע און סענטימענטאַלע, גוטע און שלעכטע, שטאַרקע און שוואַכע.

זיי אַלע שטעלן צוזאַמען אַ געוואַלטיקע מחנה. זיי אלע וואַקלען פאָרויס צו זייער גורל צוזאמען מיט זייערע אונמענטשלעכע באַוואַכערס. זייער





לעצטע סטאנציע איז אַ בנין וואָס לאָזט אַרויס אַ רויך־זייל. זיי אַלע ווייסן גוט וואָס דער דאָזיקער בנין באַדייט און די קוועלע פונם רויך, וואָס שטייגט אַרויף פון דעם קוימען. עס איז אַ פאַבריק פון טויט. וואָס זענען די געדאנקן פון די מענטשן, בשעת זיי מארשירן אַקייגן דערנענטערן זיך צום

טויט, וואָס זיי וויסן אַז ער דערוואַרט זיי? פאר זיי איז נישטאָ מער קיין האָפנונג, אויך נישט פאר זייערע קינדער, פאר זייערע זכרונות. זיי זענען פארדאמט אַדורכצוגיין דורך דעם טויער, אויסגעטון צו ווערן נאקעט, אַריינצוגיין אין די קאמער, וואו זיי וועלען ווערן דערשטיקט פון אַ טויטנדיקן גאז, פארברענט און פארשניטן.

און רויך גייט אויף פון דעם קוימען — — —

די געוואַלטיקע גרויסע מאַסע באַוועגט זיך פאָראויס, אַ שטייגער עס וואָלט גאָרנישט פאראן געווען אַזאַ זאך ווי מענטשלעכקייט אָדער מענשלעך געפיל. אַ שטייגער ווי עס וואָלט קיינמאָל אין דער וועלט נישט געווען אַ באַמיאונג צו שענקן דער וועלט מער ברויט, מער גערעכטיקייט, מער אמת, מער געזונטהייט, מער חכמה, מער שיינקייט, מער ליבע און מער גליק.

עס דוכט זיך מיר אַז די דאָזיקע געדאנקען אונזערע לייגן אויף אונז אַלעמען אַרויף די פליכט צו טון אלץ וואָס איז נאָר מעגלעך צו פארמיידן אַן איבערחזרן זיך פון דעם, וואָס האָט פאַסירט אין די יאָרן 1945־1938. איך שטרייך אונטער: צו פארמיידן, נישט צו באַדויערן נאָך דעם ווי עס האָט שוין פאַסירט — אָט דאָס איז אונזער חוב.

## דער ווינטער טעאטער-סעזאָן פון אונזערע טעאטערס

בן ציון וויטלערס קאַמף אין ווייטשעפל פאַר יידיש

ייִדיש

יידיש רעדט זיך אַזוי גרינג.
יידיש לייגט זיך אויף דער צונג,
יידיש רעדן מאַמעס,
טאַטעס, זיידעס, באַבעס
אדרבה, פרואווט אויף גויעש

זאָגט: גוט שבת?
יידיש רעדט זיך אַזוי שיין,
יידיש האָט דאָך טויזנט חן,
וואָס טויגן מיר לשונות,
פון אנדערע מקומות?
אַז יידיש רעדט זיך אַזוי גרינג?

דער רעפריין פונם ליד „יידיש" פון **א.** לילִיען — מוזיק: משה רייך

אונזער אַמעריקאנישער גאסט לייגט ממש די וועלטן דאָ איין מיט זיין רעפריין פונם ליד יידיש. דער עולם כאַפּט גרויס התפעלות פון אים און זיין ליבלעכע פּאַרטנערין שפרה לערער.

דאָס לעבנס־בילד, צו „אַ נייעם לעבן" פון וועלכן די יידן אין ווייטשעפל האָבן גרויס הנאה און וועלכעס „גייט שוין" אין גרענד־פּאַליי די דריטע וואָך איז אַ מיש־מאַש פון אונזער גאַנצן יידישן תוהו ובוהו — נעמט אינם לייכטן טאַנץ די 6,000,000 ישראל, אַפילו אונזער פראָבלעם יידיש־לשון — אַ שרעק! איך זיץ די גאַנצע צייט און באַוואונדער דעם ערנסט פון וויטלער מיט וועלכן ער פירט דאָס אַלץ אַדורך. און דער עולם האָט גרויס הנאה, אי פונם סטאַר, אי פון די גבורים אין „ישראל". איך גלויב, אַז דאָס פאַטשן בראַוואָ איז אויך אַ זיך פאַטשן אין די צופרידענע בייכלעך: וואָרים זיי, דער סענטימענטאַלער עולם, האָט מיר עפּעס צו פיעל הנאה פון אַ טעאַטער־שטיק אָן יעדן פּיצעלע שונד...



אויף דער האנדלונג פון דער „דראַמע", כאָטש עס האָט דאָס אַלץ אין זיך, לוינט זיך לײדער קיין סך נישט אָפּצושטעלן, נאָר אויף פאָלקס לידער. „די צוויי מחותנתטעס" וואָס שפרה לערער זינגט איז מלא־חן,—מ׳זעט ממש ווי זי טראָגט דעם חתונה קוילעטש אינם פארטוך און טאנצט מיט אים אַנטקייגן! דאָס ליד וואָס וויטלער זינגט, „עם ישראל חי" — טאַקע מיט זיין גאנצן ערנסט! — באַלעבט נישט נאָר דעם עולם, נאָר אויך די בינע. און זיין „הגנה־מארש" ציט די ווייטשעפל יוגנט — נו, זאָלן זיי כאָטש מארשירן אין יידישן טעאַטער אַריין...

איך וואָלט געוואָלט האָפן, אַז איבער בן ציון וויטלער׳ן וועל איך נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו שרייבן, נישט איבער זיין סטאַרישן „ערנסט", נאָר זעענדיק אים שפּילן ערנסט טעאַטער — טאַקע דאָ ביי אונז אין ווייטשעפל. איך גלויב, אַז ער מוז דאָס קענען און זאָל ער נישט מורא האָבן פאר די קאַסע — מען מוז עפּעס איינשטעלן, כדי אויסצונעמען...

די סוברעטין דינה גאָלדבערג

און אין אַלעקסאַנדער טעאַטער איז טאַקע חי־געלעבט, יידן לאַכן געשמאַק אַז די בייכלעך שאָקלען זיך נאָר אַזוי.

דאָס טעאַטער איז גרויס און די בינע איז רחבותדיק, אַז מען קאָן די הענט זיך צעפירן — אָ, וואָלט מען דאָס געקאָנט דאָ אינסצענירן גאָלדפאַדן־פאָרשטעלונגען, פרצ׳עס „גאָלדענע קייט" א.א. אמת, די נייע יידן וואָס מען זעט דאָרט מיט די גאָלדענע קייטן אויף די ברייטע וועסטן וויסן צומאָל ניט ווער דער פרץ איז דאָס אַזוינס, נאָר ביי אונזער איינעם רעדט זיך דאָס שוין פון אַליין, אפילו, ווען מען ווייסט שוין, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רייד...

די פרייד פונם שפּילן איז דינה גאָלדבערג! און באמת זי ברויך גאָר נישט אַזויפיל מאָל איבערחזרן און אָנווייזן צווידייטיק אויף אירע הויזן: אַז דאָ שטעקט גאָר עפּעס אַנדערש... ווייל דינה גאָלדבערג האָט באמת עפּעס אין זיך פון אַ פיינער סוברעטין. זי האָט אַ ראָזענקעלע אין זיך! און ביים „מאַמעלע" קומענדיקע וואָך וועט מען עס נאָך מסתמא ב׳טעמטער אַרויספילן. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק האָט נאָך אירווינג גראָסמאַן אַ וואַרעמע שטימע וואָס דערוואַרעמט דעם עולם און לעאָן בלמענזאָן אַ צערטלעכע קול־נגינה.

איי וואָס מען ברויך נאָך ביי אַזאַ לוסטיק שטיק מטריח צו זיין אונזערע צערשטערטע שטעטלעך אינדערהיים פון זייערע קברים, דאָס איז מסתמא, אַז יידן זאָלן זיך פילן טאַקע ווי אויף אַן אמתע יידישלעכער חתונה, וואו מען מאַכט אַ כאל מלא רחמים די פאַרשטאָרבענע מחותנים.

יידן ווילן ניט טרויעריק זיין און מיט רעכט, יידן ווילן לעבן, און ווי זאָגט שלום־עליכם: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן".

אָ, ווער נאָך ווי מיר יידן ברויכן דאָס באמת די ריכטיקע רפואה שלימה... זאָגט מען צו זיך, ווען מען קוקט אָן דעם ביי „אויפגעקומענעם" טעאַטער עולם. אָבער ווי פלעגט מיין באָבע זאָגן: אַ דאַנק גאָט, אַבי מען זעט זיך...

# דער זלמן שניאור באַנקעט

באמת וואָלט שניאורס זיין ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אין אונזער זשורנאַל אויף אַ פייערלעכערן אופן, אָבער דער האַלב־אינקאָגניטאָ־באַזוך און דער אויף גיך־בילעטן־באַנקעט שמעקט דאָך מיט גאַסטראָלירן.

און אַ פּלא, שניאור, וואָסער גרויסער ראָלע ער זאָל נישט שפּילן אין אונזער יידישער (יידיש) ליטעראַטור, איז עפּעס תמיד מעשה סטאַר — ער „גייט" תמיד אין גרים! און איך האָב מורא, אַז אויך אין העברעאיש איז זיין גרים־צאָרן אויך נישט דער ביאַליקישער, עס פעלט דער עכטער יידישער צער! אפילו זיינע שטעטל'שע שקלאָווער יידן, ערלעכע פּראָסטע, שלום־עליכם־דיקע־עפּיגאָנישע, זיינען צו גרויסע גבורים — בינע ־העלדן...

אָבער, אַז אַ באַרימטער עפּישער שרייבער, מאַלע וואָס קייזער און שטיינבערג האָבן אים געקרוינט צום קלאַסיקער — (שטיינבערג האָט ממש וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, און נאָך מער פון ריין יידישן וועלט־קאָנגרעס שטאַנדפּונקט...) אָבער אַז אַ גרויסער יידישער שרייבער ווי זלמן שניאור איז, זאָל קומען יעצט נאָך אייראָפּע, נאָך די אַלע יאָרן וואָס ס'איז געשען און זיין גאַנצע אַפּאָסטל־שליחות זאָל זיין, זיך אָפּצורעכענען מיט שלום אַש'ן...

דאָס האַרץ האָט ממש וויי געטון זען אַזאַ שרייבער־פּערזענלעכקייט מיט דעם סטאַזש און פאַרנעם זאָל זיך אַנידערשטעלן נאָך די פּיש און מעשה־קאָמעדיאַנט טרייבן לצנות אויפן חשבון פון שלום אַש, און דער עולם־גולם, ווי ער האָט דאָס הנאה געהאַט, ממש ווי אין טריאַטער ביי אַן אַמעריקאַנישן גאַסטראָליר, — זיי האָבן דאָך באַצאָלט צו גינעס!... נאָר נאָך וואָס דער שרייבער־פאַריין האָט נאָך צו דעם יידן־נחת איינגעלאַדן אַ דאַמע פון פּען־קלוב? דאָס האָט שוין מסתמא צו טון מיט ליטעראַרישע אויסן־פּאָליטיק, אין קאָנטאַקט מסתמא מיט יידישן וועלט קאָנגרעס....

עס וואָלט באמת געווען אַ גרעסערער כבוד פאַר אַזאַ חשובן גאַסט, ווי זלמן שניאור איז באמת, אַז אַהערקומנדיק נאָך לאָנדאָן זאָל ער געווען קומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן מיט עמך. און אַנשטאָט דעם „פּיש מיט טשיפּס"־באַנקעט זאָל געווען זיין אַן עפנטלעכער מאַסן פאַרזאַמלונג, און שניאור זאָל זאָגן פאַר אַ גרויסן עולם, דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן — און מסתמא האָט ער דאָך עפּעס צו זאָגן נאָך אַזעלכע יאָרן! אָדער מוז שוין אפשר טאַקע אַ גרויסער יידישער שרייבער אַרומפאָרן מיט אַזעלכע אַפּאָסטל־שליחותן, בכדי צו קאָנען אָנהאַלטן אַ פּאָסטן אין אַ גרויסער יידישער צייטונג?... דאַן באַקומט שוין דער גאַנצער ענין מער אַ טראַגישן צוג, ווי אַ קאָמישן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 6'טן נאָוועמבער — פּרוי מ. נ. סידאָ.
שבת, דעם 13־טן — עלעק וואָטערמאַן: יידן אין סאָוויעט־רוסלנד.
שבת, דעם 21־טן — ישראל האָדעס איבער ארץ ישראל.
שבת, דעם 28־טן — אַ גרויסע ישראל־פייערונג.



„מיין טאַטע דער סופר"
און אַנדערע פּאָעמעס
א ניי בוך פון יוסף הלל לעווי
פּרייז 15 שילינג
צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:
M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.

ארבייטער רינג בראַנטש 9
1917—1948
די פייערונג פונם 31־טן יאָרטאָג פון דער
רוסישער רעוואלוציע און גרינדונגס־טאג פון בראַנטש 9
קומט פאָר אינם לאָקאַל פונם אַרבייטער־רינג, עלי סטריט א.1.
זונטאג דעם 14־טן נאוועמבער, 6.30 אין אוונט
עס וועט ווערן סערווירט טיי מיט צובייסן.   ..איינטריט 2/6

פּראפּאַגאנדע־קאמיטעט
פון דעם
ארבעטער־רינג
22, עלי סטריט, אָלדגייט, א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראטן   לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
וועגן אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראַל־סעקרעטאַר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 26 נאָוועמבער 1948 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאַלעריע
14 פאָרטמען סטריט וו.1.
לאנדאנער יידיש שאפן
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַציעס און רעדעס:
די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט, אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, משה עובד, א. מ. פוקס, יוסף הלל לעווי און י. ביעטש
אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

שוין דערשינען

## „דאס בוך פון לעסטערונגען“

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלארן. פרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פרעס“, און בוך האנדלונגען.

### געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, גאָלדין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען געווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

### „די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון
מאָרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

106

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.12 העפט 107 דעצעמבער 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

29 נאָוועמבער 1947 — 29 נאָוועמבער 1948; ארורים הרשעים שאין טובתם שלימה; דער פאַקל-געזאַנג פון די די.-פּי.-בריגאַדעס; די מנורה פאַר די טויערן פון ירושלים ........ ** 1
עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם (צום 29-טן נאָוועמבער) .. אליהו פאַלושאַק 6
זיי קומען אָן... (ליד) ........ ס. פאַלמע 7
דאָס חנוכה-ליכטל אין בונקער (סקיצע) ........ שבע גלאַס 9
חנוכה ליכטלעך ווען ברענען (פּאָעמע) ........ יוסף הלל לעווי 13
אַ לאָנדאָנער שמש און די חנוכה סעודה (עפּיזאָד) ........ מאַרקס כהן 14
ס'טאַנצן בלעטער (ליד) ........ פייגעלע אינפעלד 17
אותיות וואָס לויכטן (באַגלייט-וואָרט) ........ משה עובד 19
זיין מאַמעס שטיין (דערציילונג) ........ אברהם ווייץ 20
יאַנקעלע (המשך — משיחס נסיעות און נסיונות) ........ משה עובד 24
מ'נעמט נישט אָן זייער רעזיגנאַציע (המשך אלדד און מדד) .. לעאָ קעניג 27
האַרבסט-און נעפּל-לידער; אַ קראַנק פאַרמאַטערט פערד;
קאַלענדעס 1948... ........ א. נ. שטענצל 30
„אונטערגאַנג פון יידיש“ (רעפלעקסן) ........ ז. סעגאַלאָוויטש 36
אַמעריקאַנער נאָטיצן ........ יעקב י. מייטליס 38
על נהרות בבל ........ ש. ערנסט 42
יידן מאַכן שלום מיט דייטשלאַנד...? ........ דוב וואַרשאַווסקי 47
דאָס אַרויסציען זיך פון געטאָ (המשך) ........ קאַראָל פענדאָווסקי 52
אַ תשובה אויף אַ הייליקן „עמעס“ ........ ש. י. דאַרפזאָן 56
סאָוויעטישע ליריק (איבער פעפער'ס בוך) ........ ש. האַלקין 58
לייענענדיק... (רעצענזיע איבער קאַזשדאַנס אַ בוך) ........ מ. אַלמאַן 61
יערלעכע מיטגלידער פאַרזאַמלונג פון היגן ייוואָ (באַריכט) ........ 63
מיטטיילונגען איבער די שבת נאָכמיטאָגס ........ 64

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס-פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן“, נאַראָד-פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.